№ 45.

צווייטער יאָהרגאַנג

יודישע

פאָלקס־צייטונג

4 Поvember 1903. | פערלאג „פאלקס־בילדונג“ ווארשא. | י״ד חשון תרס״ד.

אינהאלט: באלדיגע הילף. — פאליטישע ענינים. — נייעס פון דער וואך: I וועלט נייעס II יודישע נייעס — ר׳ משה ליב לילענבלום. — די מזרח־אפריקאנישע פראגע. — אויף טעות׳ען און אויף דער אמת׳ן; מ. י. ברדיטשבסקי. — פונקען (שיר); יצחק י. קאצענעלסאהן. — פינסטער (ערצעהלונג); מ. ערליך. — מרדכי נח; ד״ר יצחק וויערניקאווסקי. — די כוזרים; ל. י. סטופניצקי. — ליטעראטור און קונסט. — פראקטישע ידיעות. — אלערליי.

יודישע פרויען־וועלט: I אלגעמיינע נייעס; II יודישע נייעס. — ווי זאל מען בעהאנדלען די דיענסטען? ל. ניימארק. — מודעות

פעליעטאן: נאך דער חלוקה; שלום־עליכם.

צו מיינע תלמידים

וועלכע האבען ערלערנט ביי מיר „מלאכת טריפוואקס״ פאר איינגע יאהר פון פאריז: זאלען זיי מיר באלד מודיע אין זייערע יעצטיגע אדרעסען, וועל איך זיי ארויין שיקען א נייעס ספר הלמוד פון דער געזאגטער מלאכה מיט פיעלע ניצליכע הוספות, אומזיסט אהן געלד.

1—2 Я. Найдичъ, Варшава. (260)

„אגאטאל“־גורסקי, ווארשא, לעשנא № 4

דאס בעסטע מיטעל צום רייניגען די צאהנער.

פערהיטעט זיי פון פוילען און ווייטוג אין בלעכענע שעכטיל צום פרייז 20 קאפ׳ און 30 קאפ׳. פארדערן איבעראל. (125)

הוצאת „תושיה„:

ביבליותיקה עברית: מאתים ספרים בכל מקצעות הספרות. יצאו עד היום מאה ושבעים וחמשה ספרים. מחיר כל ספר 40 ק. פאר׳ 4 ק׳ נמצאים להמכר גם מכורכים בשלשים וחמשה כרכים (חמשה ספרים בכל כרך לפי סדר הוצאתם). מחיר כל כרך 2.25 רובל. פאר׳ 20 ק. הקונה כל הביבליותיקה ישלם רק 40 רובל עם המשלוח. — אחרי תם הוצאת כל ספרי הביבליותיקה (במאתים הספרים) יהיה מחיר הביבליותיקה **ששים** רובל.

ביבליותיקה לבני הנעורים: I. **לילדים:** 171 חוברות. מחיר כל חוברת 4 ק׳, מכ׳ 5 ק׳. פארטא לכל חוברת או לשלש ביחד 2 ק׳. כל 5 חוברות בכרך אחד מכורך בבד אדום 25 ק׳, ע״פ 30 ק׳. כל 10 חוברות בכרך אחד מכ׳ הדר 50 ק׳ ע״פ 56 ק׳. כל 15 חוברות בכרך אחד מכ׳ בבד הדר 75 ק׳, ע״פ 85 ק. II. **לנערים:** 91 חוברות. מחיר כל חוברת 6 ק׳, פארטא לח״א או לשתים ביחד 2 ק׳. כל 5 חוברות בכרך אחד מכורך הדר 40 ק׳, ע״פ 46 ק׳. כל 10 חוברות בכרך אחד מכורך הדר 80 ק׳, ע״פ 90 קאפ׳.

ספרי עם: 73 נומרים [י״ט ספרים]: מחיר כל נומר 10 ק׳. פארטא לכל נומר או לשנים ביחד 2 ק׳. נמצאים להמכר גם בכריכות יפות. מחיר כל כריכה 10 ק׳. הקונה כל הקבוצה בכריכה לא ישלם בעד המשלוח.

ספרים שונים: 1] פרץ סמולנסקין (תולדות חייו) — ר. בריינין. מחירו 1 ר׳, ע״פ 1.12 ר. 2] תולדות היהודים — י. פרנקל. חלקי א׳ ב׳ ג׳ 50 ק׳, ע״פ 56 ק׳ כ״א; חלקי ד׳ ה׳ 75 ק׳, ע״פ 85 ק׳ כ״א. 3] בין תקוה ויאוש (ע״ד הציוניות) — א. סגל. 8 ק׳ ע״פ 10 ק. 4] כנסת הגדולה (הקונגרס הציוני השני) — נ. סלושץ 40 ק׳, ע״פ 46 ק׳. 5] מפת השמים (ספר עם מפה) — מ. ובר. 30 ק׳, ע״פ 32 ק׳. 6] הקונגרס הציוני הרביעי (ב׳ מחברות) — נ. סלושץ כל מחברת 20 ק׳, ע״פ 24 ק׳. 7] Ново-Еврейская Литература XIX-го вѣка. І. Клаузнера. Цѣна 50 коп., съ перес. 56 коп.

ספרי למוד ומקרא: אלפא ביתות מצוירות בצבעים (ע״פ השטה הטבעית) — ערוכות בטבלאות, במחברות, כתבות ניר ובקוביות, ספרי למוד לראשית הקריאה והכתיבה העברית, מתדות, כריסטומתיות, ספרי משלים, קובצי אגדות, קובצי שירים, ספרי דקדוק, אנתולוגיות, תולדות ישראל — במחירים שונים.

Издат. „ТУШІЯ“, Варшава. — Verlag „TUSCHIJAH“, Warschau.

הוצאת „תושיה“.

ספרי למוד

מאת **י. גרזובסקי**, מורה בבתי הספר העברים בארץ ישראל.

ראשית למודי שפת עבר.

מתודה, בנקוד ובלי נקוד, עם תרגום המלים ברוסית ואשכנזית (באותיות עבריות). ועם תרגילים רבים להתחנך בדבור העברי.

הספר נועד לילדים היודעים אך לקרוא ולכתוב. המחבר שם לב לתת לפני התלמידים הרכים מאמרים וספורים ושיחות אך מחייהם, מהחיים הקרובים אל לבם ואל רוחם, הסובבים אותם יום יום בבית, בביה״ס ובחוץ. בכל יכלתו השתדל להרגילם ע״י המאמרים הקצרים והספורים אל הדבור, נתן להם היכולת לדבר ולספר את אשר הם יודעים. מבלי להעמיס על מוח הילד את כללי הדקדוק השונים להלכה, נתן לפניו תרגילים רבים להסכין אל החוקים, מבלי אשר ידע כי חוקים הם, ולהתחנך בהם אך ע״י ההרגל והנסיון. גם באו בהספר הזה ספורים קלים שונים לילדים, באופן אשר המורה הנבון ימצא לו תמיד ענין לענות בו ושאל את התלמיד בעברית שאלות שונות, מאותו ענין שהוא קורא, והתלמיד יענה לו ג״כ בעברית, לפעמים בעזרת המורה. בעבור התלמיד על כל הספר ירכש לו כאלף מלים היותר נצרכות ודרושות תדירות ורגילות בדבור ובשיחות.

מחיר הספר 50 ק׳, מכ׳ בניר 60 ק׳, בבד 65 ק׳, פארטא 8 ק׳.

בית ספר עברי.

חלק ראשון. ספר למוד למתחילים, ערוך ביחוד לתכלית הרגלת התלמידים בשמוש שפת עבר בתור שפה חיה ומדוברת.

מחירו 25 ק׳, מכ׳ בניר 30 ק׳, בבד 35 ק׳, פאר׳ 4 ק׳.

חלק שני. גם הוא נועד לתלמידים הלומדים עברית בעברית, אולם גם ללומדים עברית בתרגום לשפה אחרת ויהיה לספר למוד וקריאה מענין, נחוץ ומועיל. — בשני החלקים האלה באו כללי הדקדוק ושמוש הלשון היותר נחוצים, ומאמרים וספורים יפים למקרא.

מחיר ח״ב 50 ק׳, מכורך פשוט 60 ק׳, בבד 65 ק׳, פאר׳ 10 ק׳.

חלק שלישי (מחזיק 265 עמודים). קובץ פרקי־מקרא שונים לבני הנעורים — ספורים, ציורים, שירים, משלים, פרקים מדברי ימי ישראל וכו׳ וכו׳ — מעשי ידי טובי הפדגוגים והסופרים העברים.

מחירו 75 ק׳, מכ׳ פשוט 85 ק׳, בבד 90 ק׳, פאר׳ 12 ק׳.

מחיר כל שלשת החלקים 1.50 ר׳, מכורכים יחד בניר 1.65 ר׳, בבד 1.70 ר׳.

Книгоиад. „Тушія“ Варшава. Verlag „Tuschijah“ Wars

היימישע מיטטאגען!

צו מעססיגע פרייזען, אויך פער-שידענע ציי טונגען צום לעזען ביי

אהרן משכיל-לאיתן

ווארשא, גענשע 13, וואהנונג 7,

50-30 אין טהויער, 2 שטאק. (192)

НЕЖИНЫ... АГЕНТЫ! 281 50—17

... издѣлій штемп. фабрик... патент предметовъ со значительн. прибылью. Первоклассн. производство. Не смѣшивать съ другими ... заграничн. ... Катал. и условія безплатно. Конт. ... К. ЗИМАНЪ, г. Бѣлостокъ

НОВАЯ КНИГА

„СОВРЕМЕННАЯ ПАЛЕСТИНА“

въ ...-этнографическомъ и ... отношеніяхъ

составилъ И. Белкиндъ.

Книга ... содержитъ ... на веленевой бумагѣ ... географическ. картъ

Цѣна 1 р. 40 к. ... 1 р. 90 к.

... скидка.

СКЛАДЪ ИЗДАНІЯ

... Одесса.

Г. ... ВЪ ОДЕССѢ.

... ознакомиться съ содержаніемъ этой книги безплатно выс... подробное описаніе ея.

אינטערעסאנט, שיין און וויכטיג

איז דער בעריהמטער אדעסער

יודיש־רוסישער טעגליכער אבריים־קאלענדאר

(ОТРЫВНОЙ КАЛЕНДАРЬ)

אויף דעם יאהר 1904 (תרס"ד־תרס"ה)

(... יאהרגאנג)

דער אינטערעסאנטער אבריים־קאלענדאר איז זעהר שיין און רייך געדרוקט פון ביידע זייטען אויף פיין פאפיער אין א ... שיינעם ... מיט א ... אילוסטרירט ... אין ... שיינע פארבען.

אינהאלט פון קאלענדאר:

1) יודיש־רוסיש־אייראפעישער קאלענדאר. (... רוסיש, ... פראוואסלאוונער ... (... קאטאליש ...)

2) ... אסטראנאמיש ...

3) ... פון ... שטיינער.

4) ראש חודש ..., ... מולדות.

5) ...

6) ...

7) ...

8) ... פון די ...

9) ... אויף ... (... ТОЛЬ) ... אויף דער ...

10) ... אנעקדאטען.

11) ...

12) ... אינטערעסאנטע און ...

דאס ... פובליקום ... קאן ... דיעזען ... שיינעם ... קאלענדאר.

פרייז 30 קאפ. מיט פארטא 44 קאפ.

... קאלענדארען אויף איינמאל איז ... — ... פון די קאלענדארען ... — ...

Книжный магазинъ Братьевъ Блетницкихъ въ Одессѣ, Еврейская № 35.

Buchhandlung Gebrüder Bletnitzky in Odessa (Russland).

[illegible]

מיט ... גארניטורען אין אלען שפראכען אויך העברעאיש קאן יעדערמאן זעלבסט דרוקען אלעס וואס ער האבען וויל:

צו בעקומען אויף דער איינציגער פאבריק אין ...

... ОДЕССА, ... ул., 15

und in WIEN, ...

גארניטור (1) N מיט 100 בוכשטאבען	1 ר'		גארניטור N 4 מיט ... בוכשטאבען	4.50	
" 2 "	200	" ...	"	780 " ...	6.—
" 3 "	335	" ...	"	1160 " ...	10.—

... אונד ... מאטעריאל ... קאפ.

לעזט און הערט דעם אמת!!

אלע אנאנסירטע ברוכבענדער מיט עלעקטריע היילען נישט אויס קיין שום ברוך. דאס גוטינקייט פון איינען ברוכבאנד איז נור ער זאל פעסט איינהאלטען דעם ברוך און נישט דריקען דעם קערפער. וואלכע פערפערטיגט אין אייגענער פאבריק וועלכע איז בעעהרט געווארען מיט מעדאליע פון דער ראקטארסקע אויסשטעלונג

Д. Мошковскій, Варшава

Налевки № 37

(135) 50—34

הוצאת „תושיה“.

ספר חדש

ארץ ישראל.

ספר למוד **הגיאוגרפיה של ארץ ישראל** עם מפה בעלת צבעים **בעברית**

מאת **יהודה גרזובסקי.**

וזה תכנו:

דברים אחדים.

פרק א: מקום ארץ ישראל, שמותיה, גבוליתיה, גדלה וחלוקתה.

פרק ב: ההרים, העמקים והמדברות.

פרק ג: הימים והנחלים

פרק ד: שלטון הארץ, יושביה, עריה הגדולות ומושבות היהודים.

פרק ה: תוצאות הארץ, האקלים, תכונת הארץ ואחדים מחקי הארץ.

(252) **מחירו 25 ק', פארטא 2 ק'.** 4—5

Издат. „Тушія“ Варшава. — Verlag „Tuschija“ Warschau

בע"פ: נובוליפקי 7 מעון 9.

„הדגל“

בעד אחינו הקוראים ברוסיה

מחירו: 5 רו"כ לשנה, לחצי שנה: 2.50 רו"כ.

לשלוח בשטרי רוסיה או במרקאות הפוסתה בנות 10 קאפ'.

האדריסה לבית המערכת:

»HADEGEL« 6 TENTER str. north, LONDON, E.

ברוסיה לחתום אצל:

J. Kahanowitz, 38 Nalewki. in WARSCHAU.

Buchhandlung Leizer Tikocinski in Bialystock. Gouw. Grodno.

הנחה לרבנים ובתי מקרא לציונים, רק 3 רו"כ לשנה.

השנה מתחלת בירח אב. כסף החתימה בעד כל השנה למפרע.

Nr. 45. Jüdische Volks-Zeitung צווייטער יאהרגאנג.

אבאנאמענטס־פרייז:

עסטרייך־אונגארן: יעהרליך 10 קראנען,
האלב־יעהרליך . . . . 5 „
פיערטעל־יעהרליך . . . 2.50 „
דייטשלאנד: יעהרליך . . . 9 מארק.
אמעריקא, ענגלאנד יעהר. 8 שילינג 8 פענס.
אנדערע לענדער: יעהרליך 11 פראנק.
צוזאמען מיט דער פרעמיע „אלע ווערק פון שלום עליכם": יעהרליך 12.50 קראנען; 11.25 מארק; 11 שילינג; 14 פראנק.
האלביעהרליך 7.50 קראנען; 6.75 מארק 6.60 שילינג; 8.40 פראנק; פירטעליעהר־ליך 3.75 קראנען; 3.40 מארק; 3.30 שילינג; 7.29 פראנק.

ענדערן די אדרעסע קאסט 20 קאפ. 40 העלער.

יודישע
פאלקס־צייטונג
א וואכען־בלאט פאר אלע יודישע אינטערעסען.

די אדרעסע פאר עסטרייך־אונגארן און אנדערע לענדער:
Administration
„Jüdische Volks-Zeitung"
Krakau, Sebastyangasse 32.

די אדרעסע פאר רוסלאנד:
Издательство „Тушія" Варшава
для „ФОЛКСБИЛДУНГЪ":
מינדליך: נאוואליפקי 7, וואהנונג 9.

אבאנאמענטס־פרייז פאר רוסלאנד:

יעהרליך 4 רובל, האלב־יעהרליך 2 רובל פיערטעל־יעהרליך 1 רובל.
צוזאמען מיט דער פרעמיע „אלע ווערק פון שלום עליכם": יעהרליך 5 רובל; האלב־יעהרליך 3 רובל, פיערטעל־יעהרליך 1.50 רובל. יעהרליכע אבאנענטען קענען די 5 ר' אויסצאהלען אין ראטען: ביים אויסשרייבען 2 רובל, דעם 1־טען אפריל 1 רובל, 1־טען יולי 1 רובל און דעם 1־טען אקטאבער די לעצטע ראטע 1 רובל.
איינצעלנע נומערן 8 קאפ. 20 העלער.

פרייז פאר מודעות (אנצייגען):
פאר יעדער קליינע שורה פעטיט 15 קאפ. 30 העלער, 40 פעניג.
אויף די ערשטע זייטע פאר דעם טעקסט 50 קאפ. 60 העלער, 80 פעניג.

4 November 1903. Nr. 45. י"ד חשון תרס"ד.

באלדיגע הילף.

ווער גערענקט ניט וויפיעל אונזערע צייטונגען האבען באלד נאך קישינובער פאגראם צערעדט וועגען דער עמיגראציע, וואס מען האט ערוואַרטעט, אז באלד נאך דעם גרויסען אומגליק זאל זיך ביי יודען אנהויבען.

איינגע האבען עצות געגעבען, אז מען זאל גרינדען עמיגראציאנע קאמיטעטען, א סך קאמיטעטען אויף אלע גרענעצען, אויף אלע פארטען, דורך וועלכע די עמיגראנטען פאהרען דורך און קומען אן, יק"א זאל געבען דערויף געלד, מען זאל קלויבען געלד, א סך געלד און אונזערע צייטונגען האבען געשיט דערויף מיט מיליאנען ווי מיט באב, פארשטעהט זיך נאר אין ציפערן, פאר די עמיגראנטען, מען זאל פארגרינגערן זייער שווערען וועג אין פרעמדע לענדער און זייער שלעכטע לאגע.

טייל האבען ווידער עצות געגעבען, אז מען זאל ניט לאזען דעם עולם עמיגרירען ביז די קאמיטעטען וועלען מיט זייערע גרויסע קאפיטאלען ניט ארגאניזירט ווערען ווי עס דארף צו זיין.

פון נאך דעם זעקסטען קאנגרעס האלטען עפים פאר א מצוה די „אוגאנדיסטען" אבצורעדען דעם עולם פון צו עמיגרירען ביז די עקספעדיציע וועט פאהרען קיין מזרח־אפריקא אויספארשען דאס לאנד אוגאנדא, וואס מען וויל יודען אוועקגעבען. די געגנערס פון אוגאנדא — די קאנג־מיטערס גלייכען זיך אויס אין דעם מיט די אוגאנדיסטען און געפינען אויך פאר נייטיג דערווייל אבצורעדען דעם עולם צו עמיגרירען אפילו קיין ארץ־ישראל.

די צייט געהט, די יודישע לאגע ווערד וואס אמאל ערגער, יעדען טאג קומען צו מענשען, וועלכע האבען ניט ביי וואס צו בעשעפטיגען זיך, זייערע פעהיגקייטען און קרעפטען האבען זיי ניט אויף וואס צו בענוצען, מענשען מיט געזונטע הענט און ברייטע פלייצעס זוכען ארבייט און געפינען ניט, אזוינע מענשען געהען ארום ליידיג

אהן שום ארבייט און ווייסען ניט וואס מיט זיך צו טון, ווי זאל מען זיך א הין טון און מען פיהלט זיך ווי ארויסגעווארפענע, ווי איבעריגע אויף דער וועלט. דערווייל מוז מען לעבען און קיין מיטעל מיט וואס צו לעבען איז ניט דא, ווע־ עס פארמאגט נאך עפים ביים דעם גרייטען רובל און מען עסט, פעהלט געלד הייבט מען אן צוביסלעך ווייז פארקויפען חפצים.

אזוינע אומגליקליכע קענען ניט פאלגען די אלע עצות פון אונזערע צייטונגען און פארשידענע פאלקספארזארגער, זיי ווייסען און פיהלען נאר איין זאך, אז כל זמן עס איז נאך דא א מזומן רובל אדער חפצים, וואס מען קאן נאך מאכען פון זיי א פאר רובל, דארף מען זיך ראטעווען ווי פון א שרפה און לויפען ווי די אויגען וועלען טראגען.

און מען פארקויפט דאס לעצטע; טאמער פעלט נאך צו דער הוצאה געבען קרובים און גוטע פריינד; „אויף איין אומגליק און אויף דעם רוח איז שטענדיג ביי א יודען דא געלד". און ווי אזוי עס איז פאהרען די דאזיגע עמיגראנטען אויף זייערע אייגענע הוצאות, זיי ברויכען ניט קיין קאפיקע פון פרעמדע הילף, זיי נייטיגען זיך נאר מען זאל זיי אנווייזען דורך וואסערען נאהנסטען וועג זיי דארפען פאהרען אין דעם ארט וואו א הין זיי עמיגרירען, מיט וועלכען צוג און מיט וועלכער שיף איז בעסער צו פאהרען און אז ווען זיי שטעלען זיך אב אויף איין ארט אין מיטען וועג, דארף מען אויף זיי אין פרעמדען ארט אכטונג געבען, אז זיי זאלען ניט איבערצאהלען, מען זאל זיי ניט אבנארען אדער ביי זיי דאס געלד ניט צונעמען. מיט איין ווארט די דאזיגע עמיגראנטען נייטיגען זיך זעהר אין וועג־ווייזער, דאס הייסט, אז ווען זיי קומען אין א פרעמדע שטאדט זאלען זיי שוין געפינען אזוינע מענשען, וואס מען זאל זיי אנווייזען אויף אלץ, וואס זיי נייטיגען זיך.

אונז איז בעוואוסט, אז דורך ווארשא פאהרען דאס רוב אזוינע עמיגראנטען, דא אין אזא גרויסע שטאדט שטעלען זיי זיך אב צוצו־

גרייטען אלעס, וואס זיי ברויכען אין וועג אונ זיך אויך אברוהען פון דעם וועג, אז מען זאל זיך קענען ווידער לאזען אין ווייטען שווערען וועג אונ מען ברויכט צו צוזעהן, ווי זיי לויפען ארום פון איינעם צום אנדערען אויספרעגענדיג, מיט וועלכען צוג צו פאהרען, פון וועלכען „פארט" זאל מען פאהרען, מיט וועלכע שיף, וויפיעל דארף מען ווארטען ביז די שיף געהט אוועק, וואס פאר נייטיגע זאכען ברויכט מען האבען אויף דעם וועג, וועלכע זאכען זענען איבעריג צו פיהרען אונ דערגלייכען אזוינע פיעל פראגען אינ אין אזא גרויסער יודישע שטאדט ווי ווארשא געפינט זיך קיינער ניט, וואס זאל זיי קענען אנווייזען אונ זיי ענטווערען ריכטיג אויף זייערע פראגען. די געציילטע וואס ענטווערען זיי יא, איז ניט דערפאר, וואס זיי ווייסען, נאר גלאט אזוי צוליב יוצא זיין, אבי צו פטרן פון זיך די דאזיגע אומגליקליכע.

אונ טאקי דא אין ווארשא, וואו זיי פארברענגען געוויינטליך עטליכע טעג צוגרייטענדיג זיך אין ווייטען וועג, זעהען מיר ווי זיי קאסט אלעס טייערער, פון סטאנציע ביז א דראשקע פון באהן אונ צום באהן, א סך טייערער וואס עס קאסט יעדען סוחר, וואס קומט קיין ווארשא האנדלען סחורה.

יעדער זאך מוז דעם אומגליקליכען עמיגראנט קאסטען אלעס צוויי אונ דריי מאל טייערער נאר דערפאר, וואס זיי ווייסען ניט, זענען קיין מאל אויף דער וועלט ניט ארויסגעפאהרען אונ האבען ביי קיינעם ניט צו פרעגען.

מיר ווייסען פון אזא צופאל, אז פאר א דראשקע פון טעראספאליער וואגזאל, וואס קאסט געוויינטליך 50 אדער 60 קאפיקעס, האבען די עמיגראנטען בעצאהלט 2 רובל. דאס זעלבע אויף די סטאנציעס (האטעלען), פארריקט מען זיי אין לעכער אונ זיי צאהלען ווי פאר גרויסע צימער.

אזוינע עמיגראנטען קאן מען ניט הייסען ווארטען ביז עס וועט אמאל ארגאניזירט ווערען קאמיטעטען מיט מיליאנען פאר עמיגראנטען, זיי קאנען ניט ווארטען ביז די עקספעדיציע וועט זיך אמאל אומקערען פון מזרח־אפריקא, וואו זיי וועלען האבען אויסגעפארשט דאס לאנד אוגאנדא.

אזוינע אומגליקליכע קאנען ניט ווארטען קיין יאהרען, אפילו קיין חדשים, זיי קאנען ניט איבערבלייבען קיין איינציגען איבריגען טאג, ווייל אין יעדען איבריגען טאג עסען זיי אויף א טייל פון די הוצאות אונ פון די עטליכע רובל, מיט וועלכע זיי קאנען זיך ארויסראטעווען פון זייער ביטערער לאגע אונ זיך אפשר אויף דער ערשטער צייט נאך האבען מיט וואס זיך אויסצוהאלטען אונ פארבעסערען זייער לאגע אויף דעם נייעם ארט.

אזוינע עמיגראנטען קאנען ניט אונ טארען ניט ווארטען, אונ קיינער טאר זיי ניט אפרעדען אונ אפהאלטען פון צו עמיגרירען, ווייל דאס וואסער איז שוין ביי זיי איבער'ן מויל אונ מוזען מיט די לעצטע קרעפטען ראטעווען אונ קאנען זיך אפשר ווי עס איז פארבעסערען זייער לאגע.

אזוינע עמיגראנטען נייטיגען זיך ניט אין קיין גרויסע קאמיטעטען מיט מיליאנען, וואס וועט אמאל אפשר ארגאניזירט ווערען, זיי נייטיגען זיך ניט אין קיין פרעמדע הילף מיט געלד, נאר זיי נייטיגען זיך אין געוועהנליכע וועג־ווייזערס, דאס הייסט. אז ווען זיי קומען קיין ווארשא, קיין ליבוי, פאדוואלאטשיסק, ראדזיוויליגאוו, אלעקסאנדראוו אדער אין אנדערע שטעדט, וואס שטעהען ביי די פארטען אונ גרענעצען, זאלען זיי האבען ביי וועמען צו פרעגען אונ געפינען ריכטיגע תשובות, אין וועלכע זיי נייטיגען זיך אזוי שטארק.

צו אזוינע וועג־ווייזערס ברויכט מען ניט האבען קיין מיליאנען אפילו ניט קיין טויזענטער אונ הונדערטער. אין די פריהער דערמאנטע שטעדט ברויכט מען נאר אויסקלויבען פון די היגע איינוואהנער עטליכע מענשען, וואס זאלען זיין בעקאנט מיט אלע ענינים, וואס געהער זיך אן מיט עמיגראציע אונ דארף זיין שטענדיג גרייט צו דיענען די עמיגראנטען מיט א גוט ווארט אונ מיט א גוטער עצה.

אזוינע וועג־ווייזערס קענען אהן שום געלד ברענגען דערוויל,

פעליעטאן.

נאך דער חלוקה.

(א מעשה פון די רויטע יודלעך)

ארויסגעגעבען

פון

שלום־עליכם.

(פארטזעצונג).

ד.

— וואס וועט זיין דער תכלית? — זאג איך צו מיין ווייב נאכדעם אז מיר האבען ביידע נאך אמאל איבערגעצייהלט אונזער מאיאנטיק זיבעציג טויזענט קארבען, ווייל מיר זענען קיין עין הרע זיבען איהרע אונ גוט בעהאלטען אין קאסטען — היים חאטש שטעלען דעם סאמאוואר וועלען מיר טרינקען טיי, עס חלש'ט מיר דאס הארץ.

— נאפשיקלאר וועמען זאל איך הייסען? — מאכט צו מיר מיין ווייב — דעם שמש פון דער שוהל? דו האסט שוין פארגעסען אפנים, אז די מויד האט אונז אוועקגעווארפען אונ וויל שוין מעהר נישט דיענען אונ די קעכין אויך.

— די קעכין אויך?

— וואס דען? אלע האבען דאך גענומען פון דער חלוקה! אלע גלייכע מיוחסים!

— ווייסט דו וואס? — זאג איך — גיב דו אן דעם סאמאוואר אונ איך וועל איהם צעבלאזען.

— נאפשיקלאר מיט וואס זאל איך איהם, זאגט זי, אנגיסען? מיט מים אחרונים וואסער, צי מיט'ן פאר אפאהריגען שניי? אז פון איין נעכטען אן קוק איך נישט אן דעם וואסערפיהרער אין די אויגען!

אונ אזוי ווי מיר רעדען דערזעה איך דורכ'ן פענסטער נחמן בער דעם וואסער־פיהרער פאהרען מיט א פעסל פונ'ם טייך; לויף איך ארויס צו איהם מקבל פנים זיין אונ וויל איהם אפשטעלען.

רב נחמן־בער; רב נחמן־בער; זייט זשע מוהל שטעלט זיך אפ א וויילע, ניט אונז א פאר עמער וואסער!

— וואסער? אין טייך איז פארהאן גענוג! — מאכט ער צו מיר אונ קוקט אפילו נישט צו מיר אין ווינקעל אריין.

— וואס מאכט איהר חוזק, רב נחמן־בער? מע דארף שטעלען דעם סאמאוואר, נישטא א טראפען וואסער;

— אזוי? אט צעקראץ איך מיר די פיאטעס! — מאכט ער צו מיר

ביז די קאמיטעטן וועלען זיך אמאל גרינדען, גרויסע נוצען פאר די אומגליקליכע יודישע עמיגראנטען, זיי קענען פארשפארען זיי א סך געלד פון זייערע אזוי אויך געציילטע גראשענס, אויסגערעכנטע הוצאות, זיי קענען פארשפארען א סך יודישע טרערען און אומזיסטיגע יסורים, וואס די עמיגראנטען מיט ווייבער און קינדער ליידען נאר דערפאר, וואס ווען זיי לאזען זיך אין ווייטען וועג ניט וויסענדיג ביי וועמען צופרעגען, ניט הערענדיג פון קיינעם קיין גוט ווארט בלאנדזען זיי און דאס דאזיגע בלאנדזען קאסט זיי איבעריג געלד, געזונט און גאנץ אפט דאס גאנצע לעבען.

אונזערע צייטונגען און אונזערע פאלקספארזארגער האבען עפיס א מין שוואכקייט נאר רעדען און זיך נעמען צו גרויסע לאנג ווארטענדיגע זאכען און צו קליינע באלדיגע הילף, וואס מען קען טאקי אזוי רעדענדיג עס טון, דערויף זענען מיר שוואך.

ווען מיר וועלען זיך אויסלערנען טון פאר אונזער פאלק קלענערע זאכען קענען מיר אויך האפען צו ווערען פעהיג אויף צו טון אמאל אויך גרויסע זאכען.

זאכען, וואס מיר קענען גרינג אהן שום שוועריקייטען באלד טון פאר אונזער פאלק, טארען מיר ניט אבלעגען אויף מארגענדיגען טאג.

מיט דעם וועלען מיר פארשפארען א סך איבעריגע יודישע טרערען און יודיש ארים געלד, וואס גיסט זיך און שיט זיך אומזיסט.

פאליטישע ענינים.

(די נייע וואהלען אין אמעריקא. — צוויי שיטות. — די סכסוכים אין איטאליע. — וואס איז די סבה פון די סכסוכים. — נייע מיניסטער אין אונגארן).

דער אמעריקאנישער פרעזידענט רוזעוועלט, וואס האט בעקומען די פרעזידענטשאפט גאר אומגערעכט, נאכדעם ווי מען האט דעם פאריגען פרעזידענט מאק־קינליי אוועקגע'הרג'עט, האט שוין נישט מעהר ווי א יאהר צו הערשען, נאך דעם יאהר וועט דאס אמעריקאנישע פאלק זיך אויסקלויבען א נייעם פרעזידענט אדער עס וועט ווידער אויסקלויבען דעם אלטען. רוזעוועלט האט זיך אין די אייניגע יאהר, וואס ער איז פרעזידענט זעהר בעליבט געמאכט ביים פאלק, ער האט מיט זיינע זעלטענע פעהיגקייטען און גוטע מדות בעוויזען, אז ער איז ווערט דעם כבוד, וואס ער האט בעקומען גאר אומגערעכט און מען מאכט שוין אין די פאראייניגטע שטאטען אין אמעריקא אלע הכנות איהם ווידער אויסצוקלויבען. נאר וועט מען איהם באמת טאקי ווידער אויסצוקלויבען איז שווער צו זאגען פאראויס.

אין אמעריקא קלויבט מען נישט א פרעזידענט ווער עס האט בעסערע פעהיגקייטען, בעסערע מדות, ווי, למשל, אין פראנקרייך, נאר ווער עס האלט פון די שיטה אין פיהרען די פאליטיק אין לאנד לויט ווי די מעהרערע צאהל פון דער מדינה.

מיר וועלען עס ערקלערען דייטליכער:

דאס פאלק אין אמעריקא צעטיילט זיך אין צוויי פארטייען: רעפובליקאנער און דעמאקראטען. די דעמאקראטען גהען מיט דער שיטה פון „פריי האנדעל — פריי ארבייט", דאס הייסט, מען זאל נישט ארויפלעגען קיין צאל אויף די סחורות, וואס מען פיהרט אריין פון אנדערע לענדער. די אמעריקאנישע פאבריקאנטען וואלטען דעריבער נישט געקאנט בעהויפטען קיין גוטען מקח פאר זייערע סחורות און וואלטען געמוזט שטענדיג קאנקורירען מיט די אויסלענדישע פאבריקאנטען, זיי וואלטען דעריבער נישט געקאנט צאהלען קיין סך די ארבייטער, וואס ארבייטען אין זייערע פאבריקען און וואלטען זיי געצוואונגען, צו ארבייטען מעהר ווי 8 שעה אין טאג, און דעריבער מאכט זיך דארטען אפט סטאטשקעס. די רעפובליקאנער אבער ווילען, אז מען זאל אין אמעריקא נישט אריינלאזען קיין סחורות פון אנדערע לענדער און פארלאנגען, אז מען זאל אויף די פרעמדע סחורות ארויפלעגען א גרויסע אבצאהלונג, כדי די פאבריקאנטען אין לאנד זאלען קאנען פארקויפען מעהר זייערע סחורות און ממילא וועט שוין די

גאנץ ברייטליך און מיט א געלעכטער; — אז מע וויל וואסער נעמט מען איין עמער אזוי ווי איך (דעם איך ציהט ער אויס אויף איין ארש'ן) און מען איז זיך מטריח צום טייך אזוי ווי איך, און מע פארקאטשעט די פאלעס אזוי ווי איך!...

איך קען נחמן־בער דעם וואסערפיהרער שוין עטליכע און צוואנציג יאהר, האב איך איהם נאך קיין מאל ניט געהערט רעדען מיט אזא טאן און מיט אזא ברייטקייט און מיט אזא נגון ווי איצט.

— הערסט דו? — זאג איך צו מיין ווייב, ס'איז א מאוס'ער עסק; מע בעדארף חאטש געהן קריגען א בולקע. איך וועל א שפרונג טון צום בעקער און דו זיי זיך מטריח אין מארק אריין נאך פלייש. געקומען צו שמואליק דעם בעקער, ער זיצט ניט ווייט פון אונז, און איך טרעף איהם ביים טיש מיט זיין גאנץ געזינדעל, מע זיצט, מע טרינקט טיי און מע שוויצט.

— א גוט מארגען, רב שמואל! זאג איך צו איהם.

— א גוט מארגען א גוט יאהר, וואס וועט איהר עפים זאגען גוטס? — מאכט ער צו מיר עפים זעהר אויפגעלעגט און בעט מיך אפילו ניט זיצען.

— איך האב אייך געוואלט בעטען, זאג איך, א פאר בולקעס, אדער קוילעטשלעך געפלאכטענע.

— האט קיין פאראיבעל ניט — מאכט ער צו מיר און ווישט זיך דעם שווייס מיט א יום־טוב'דיגער פעטשיילע — בולקעס האב איך פון מיינעטוועגען.

— וואס ׳הייסט פון אייערטוועגען?

— אט דאס הייסט — זאגט ער — איהר ווילט בולקעס? באקט.

— איך וועל אייך גוט בעצאהלען, פרוב איך מיך אונטערקויפען מיט געלד.

— טאקי? — מאכט ער צו מיר מיט א שמייכעלי — איהר וועט מיר גוט בעצאהלען? דהיינו וועלכם ווערד אנגערופען ביי אייך גוט בעצאהלען? אפשר וועל איך אייך גוט בעצאהלען און באקט איהר מיר בולקעס?

— ברוגז, זאג איך, בעדארף מען דא ניט זיין, דערווייל זענט איהר דאך א בעקער, און ביי א בעקער קויפט מען בולקעס...

— ס'איז אלץ געוועזן אמאל! — מאכט ער צו מיר מיט א שמייכעלי פון א שטאדט בעל־הבית שבת נאכ'ן עסען און גלעט זיך די באָרד — אמאל בין איך געוועזן א בעקער און היינט בין איך אויס בעקער. אדיעו! לאזט דארטען גריסען אייער ווייב...

איך זאל ניט מורא האבען פאר קיין פעטש וואלט איך זיך אפגערעכענט מיט'ן דאזיגען בעקער דעם גראבען יונגאטש, ער זאל מיך האבען צו געדענקען! נאר ווי פאסט דאס פאר מיר, א נגיד פון זיבעציג טויזענט קארבען און א טאטענס א קינד דערצו זאל זיך אוועק שטעלען

לאגע פון די ארבייטער אויך פארבעסערט ווערען. דער פרעזידענט קלעוולענד, וועלכער איז געוועזען פאר מאק־קינליי, איז אויך געוועזען זעהר א וויכטיגער מענש און מען האט איהם איינמאל אויסגעקליבען פאר א פרעזידענט, נאר ווייל ער איז געוועזען געגען די רעפובליקאנער האט מען איהם צום לעצטען מאל נישט געוועהלט. פון רוזוועלט איז שווער צו וויסען מיט וועלכע שיטה ער האלט, ער האט נאך וועגען דעם קיינמאל זיין מיינונג נישט ארויסגעזאגט דייטליך. די רעפובליקאנישע שיטה האט ארויפגעלעגט צאל אויף פרעמדע סחורות, וואס האט אין איין ערך פון 7 יאהר זיך ארויסגעוויזען פאר נישט ריכטיג, און דאס אמעריקאנישע פאלק איז נישט איינינג וועלכע שיטה עס זאל האלטען און וועמען אויסצוקלייען פאר א פרעזידענט.

אויך דאס איטאליענישע פאלק ווייסט נישט, וואס צו טון. זיי דארפען קיין פרעזידענט נישט קלויבען, אבער א מיניסטער־פרעזידענט דארפען זיי א נייעם, זאנארדעלי איז שוין צו אלט און קאן שוין די פאליטיק נישט מעהר פיהרען, ווי עס האט זיך אין די לעצטע צייטען ארויסגעוויזען, מיט אזא פאליטיק איז ניט צופרידען ניט דער קעניג, ניט דאס פאלק און אלע ווילען איצט מען זאל מאכען איין אנדער מיניסטער-פרעזידענט, וואס זאל פארשטעהן בעסער, ווי צו פיהרען די פאליטיק און צו האלטען די ארדנונג אין לאנד.

מיט דעם אלטען מיניסטער־פרעזידענט זענען די איטאליענער נישט צופרידען, אבער מיט דעם נייעם פאפסט זענען זיי שטארק צופרידען. זיי האפען, אז אין זיין צייט וועט שלום ווערען צווישען די מלכותא דארעא מיט די מלכותא דרקיע, צווישען די איטאליענישע רעגירונג און דעם וואטיקאן.

ווי עס איז בעקאנט האט דער יונגער איטאליענישער קעניג געמאכט וויזיטען באלד ווי ער איז ארויף אויפ'ן כסא המלוכה כמעט אלע אייראפייאישע מלכים, איהם האט זיך אויך געוואלט בעזוכען דעם פראנצויזישען פרעזידענט, וואו מען האט דאס איטאליענישע פאר זעהר גערן. נאר כל זמן עס האט נאך געלעבט דער אלטער פאפסט לעא דער דרייצעהנטער האט ער עס נישט געטאן, ווייל דער פראנצויזישער פרעזידענט האט איהם נישט געקאנט מאכען קיין געגען וויזיט. פראנקרייך איז קאטוילליש און קאן דעם פאפסט, וועלכער איז נישט גורס, אז איטאליע איז א מלוכה, נישט אנטון דעם עגמת נפש און מאכען דעם איטאליענישען קעניג א וויזיט, היינט אבער, אז פאפסט איז פיוס דער צעהנטער, וועלכער איז פריינדליכער צו די איטאליענישע רעגירונג, האט קעניג וויקטאר עמנואל בעזוכט פראנקרייך און קירצליך וועט דער פראנצויזישער פרעזידענט לובע בעזוכען רוים און מאכען א וויזיט, ווי עס ווייזט אויס אויך דעם פאפסט, און דאס וועט, רעכענט מען, ווירקען צו מאכען שלום צווישען מלכותא דארעא און מלכותא דרקיע.

אין אונגארן האט דער קייזער איבערגעגעבען דעם גראף סטעפאן טיסא צוזאמען צו שטעלען א ניי מיניסטעריום. אויב עס וועט איהם דאס געלינגען און אויב די נייע רעגירונג וועט מעהר גליק האבען ארדנונג צו מאכען אין אונגארן, איז א זעהר שווערע פראגע.

נייעס פון דער וואך.

I. וועלט נייעס.

— דער נעגוס (קעניג) פון אבעסיניע מעניליק האט ארויס געגעבען א בעפעהל, מען זאל פארבאטען דעם שקלאפען־האנדעל. אין בעפעהל שטעהט געשריבען בזה הלשון:

„שוין א לאנגע צייט פריהער האב איך שוין פארבאטען אין אלע מיינע מדינות צו האנדלען מיט מענשען פון דעם שבט האלא און ווער עס וועט דערויף עובר זיין וועט מען איהם אויסשליסען פון דער קירכע, נאר איהר האט נישט געוואלט אויפהערען צו מאכען פאר שקלאפען די מענשען פון האלא, נעדענקט זשע, אז פון איצטער אן וועט ווער עס וועט האנדלען מיט שקלאפען נישט אבקומען מיט צאהלען שטראף, נאר ער וועט בעשטראפט ווערען מיט לייב־שטראף", (ווי אבהאקען די הענט אדער די פיס).

— אין בעלגראד האט מען ארעטירט דעם קעניגס קאמערדינער

אויסטענ'ן מיט א בעל מלאכה א בעקער? און איך טהו א קלאפ מיט דער טיר און נעה אהיים.

אין דערהיים טרעף איך מיינע צוויי קלענערע קינדער נאר וואס געקומען פונ'ם חדר מיט א גדולה: דער רבי האט זיי צעלאזט פריי אנגעזאגט זיי זאלען שוין מעהר צו איהם אין חדר אריין נישט קומען.

— וואס איז שוין? — זאג איך — איהר האט שוין עפיס פארשטיפט א מעשה? זייט זיך מודה, ווארום אט גיב איך אייך פעטש ווי האלץ!

— מיר האבען נישט פארשטיפט, זאגען זיי, קיין שום מעשה. דער רבי האט אונז נאר געזאגט, אז מיר זענען שוין ניט מעהר זיינע תלמידים און ער איז ניט אונזער רבי, אויב מיר ווילען, זאגט ער, לערנען, זאל דער טאטע אליין זיך מטריח זיין מיט אונז קנעלען... און דאס שכר למוד, זאגט ער, וואס איהם קומט, זאל מען דאס אוועק שענקען אויף ארימע לייט...

דאס האט מיך שוין אזוי פארדראסען, אז איך האב נעהאפט דאס שטעקל און בין ארויסגעלאפען אין דרויסען און האב מיך גע־לאזט געהן אין שטאדט אריין זעהן, וואס טוט זיך אויף דער וועלט ווי אזוי איז ביי לייטען, און אזוי ווי איך גיה, באגעגען איך ווידער אמאל רב מאיר־בעל מח מיט א בארעמעק האלץ אויף די פלייצים.

— וואס איז דאס — זאג איך צו איהם — אליין?

— אליין, וואס דען? מאכט ער, איך האב דאס קוים געקריגען, אויסגעוויינט. אצינד בעדארף מען נאך געהן קריגען מעהל און זיך באקען ברויט. נוט דערלעבט. הא? ווארט צו אביסל, דאס איז נאך נאר ניט; אט וועט איהר זעהן וואס וועט נאך זיין! בלוט וועט רינען אין די גאסען! בלוט! בלוט!

„א חקרן רעדט גאר אנדערע ווערטער, ער זאגט נאר נביאות! — אזוי טראכט איך מיר און עס קריכען מיר אין קאפ אריין אלערליי אומעטי'גע מחשבות און פארשטערען מיר די שמחה מיט'ן פארגניגען פון די זיבעציג טויזענט קארבען, וואס איך פארמאג אצינד. איך צע־טרייב ד' מחשבות ווי ווייס מעגליך, נאר זיי הערען נישט אויף צו קריכען אין קאפ אריין, ווי זומערפליגען—און איך לאז מיך געהן ווייטער.

ה.

אויף דער גאס דרעהען זיך ארום אונזערע רויטע יורלעך אלע שבת'דיג אנגעטאן—אלע נייע אויפגעקומענע נגידים, נאר אלע אנגע־ברוגז'טע, בלאזען זיך ווי חתנ'ס צר, דער עולם עפיס שושקעט זיך, ווארטשעט, מע רעדט אייגם אויפ'ס אנדערע לשון הרע.

— געפעלט אייך אביסל אונזער נייער נגיד? — מאכט איינער צום אנדערען און ווינקט אן א זייט.

— פסנו! — מאכט דער אנדערער און איז אזש גרין פאר קנאה, און בכדי מע זאל זיך צעשלאגען אביסל די געדאנקען דערציילט איטליכער בעזונדער איין אנדער אנעקדאט, ווי אזוי דער שכן זיינער

אנטאן קאך, א געבארענער אין שווייץ, דערפאר, וואס ער האט בע־ראבעוועט כמעט אלע טייערע זאכען, וואס האבען געהערט דעם קעניג אלכסנדר.

— דער סערבישער קעניג פיאטער האט בעזוכט דעם פאלקאווניק מאשין, אונ איהם אליין מודיע געוועזען, אז ער האט איהם בעשטימט פאר דעם קאמאנדיר פון דער בעלגראדער דעוויזיע, א גרויסער טייל פון דעם סערבישען פאלק איז זעהר אומצופרידען, וואס מען גיט איינעם פון די הויפט רוצחים פון אלכסנדר אזא גרויסען כבוד.

— פון וולאדיוואסטאק שרייבט מען, אז א ראנק די ריכטיגע אונ שטרענגע פאליטיק פון דעם נאמעסטניק איבער דעם "ווייטען מזרח", איז אפגעשאפט געווארען אלע סבות, וואס קענען ברענגען א מלחמה צווישען רוסלאנד אונ יאפאניע.

— אין פעטערסבורג גרינדעט זיך א חברה מיט דעם נאמען "התקרבות", וואס האט דעם צוועק אויסצולערנען די מנהגים אונ מדות פון די נישט רוסישע נאציאנען, וואס געפינען זיך אין רוסלאנד.

— ווי די בערלינער בלעטער שרייבען געפינט זיך איצט דער חינעזישער געזאנדטער אין העסען, וואו ער פארהאנדעלט מיט דער הארמאטען־פאבריק "קרופ" אנצוגרייטען פאר חינא א גרויסע צאהל הארמאטען.

II. יודישע נייעס.

רוסלאנד דער "וויעסני יונא" מעלדעט, אז אין פאלטאווא האט מען ביי די לעהרער פון דער יודישער תלמוד תורה אונ די משגיחים אויף דער רוסישער־יודישער ביבליאטהעק גענומען אונטערשריפטען, אז זיי וועלען מעהר נישט זיך בעמיהען אין די שולען אונ ביבליאטהעקען צו ענטוויקלען די נאציאנאלע אבזונדערונג פון די יודישע יוגענד.

— פון קיוב שרייבט מען, אז די בקשה פון דעם הארטיגען "גאלאוא" פון דעם מיניסטער פאר פאלקס־בילדונג, מען זאל אין דער קיעווער אוניווערזיטעט אננעמען 22 יודען מעהר ווי די געוועהנליכע צאהל, איז אנגענומען געווארען.

— אין סאסנאוויצע האט מען צוזאמענגענומען פאר די פאראומ־גליקטע יודען אין האמעל ביז 100 רובל.

— דער פאלטאווער רב אליהו עקיבא ראבינאוויץ אונ דער רב פון גראדנא זאב מרגליות האבען בעקומען איין ערלויבעניש צו מאכען איין אספה פון רבנים אין גראדנא. דער צוועק פון דער אספה איז זיך צו האלטען איין עצה וועגען אזוינע זאכען, וואס זענען נוגע דעם כלל ישראל. וועגען דער דאזינער אספה שרייבט מען דעם "הצפירה" פון פאלטאווא, אז דער הויפט־צוועק פון דער אספה איז צו זיין געגען דעם ציוניזם אונ דעריבער האט דער פאלטאווער מ"ץ גערופען צו דער אספה נאר אזוינע רבנים, וואס זענען בעקאנט פאר געגנער פון דעם ציוניזם. נאכדעם וועלען די דאזיגע רבנים צושטעלען זייער מיינונג וועגען ציוניזם וואו עס איז נייטיג, אלס די בעשטעטיגונג פון די רוסישע רבנים.

— דער "סיעוו. זאפ. קראי" שרייבט, אז דעם ערשטען טאג ראש השנה האט א קריסטליכער צירולניק אין גראדנא אריינגעפיהרט צו זיך אין שטוב א יודישען יונגל אהאלב־שטומען אונ אידיאט אונ האט איהם מיט דער שער געמאכט א צלם אויפ'ן קאפ. דעם יונגל האט מען געבראכט ביין פאליציימייסטער, וועלכער האט עס באלד צו וויסען געגעבען דעם גראדנאר גובערנאטאר, ביז עס איז אנגעקומען צום גע־נעראל גובערנאטאר אין ווילנא, אונ דא נישט לאנג איז געקומען א בעפעהל פון גענעראל־גובערנאטאר מען זאל דעם צירולניק ארויסשיקען פון גראדנא.

— דער דירעקטאר פון חארקאווער אוניווערזיטעט האט צוגעזאגט צו בעטען ביי דעם מיניסטער פאר פאלקס־בילדונג, מען זאל ערלויבען צוצונעמען אין דעם חארקאווער אוניווערזיטעט 15 יודען מעהר ווי די געוואהנליכע צאהל.

— אין דער בראשור "רשימת החברים", וואס דער אדעסער קאמיטעט פאר פאלעסטינא האט אונז צוגעשיקט, דערוויסען מיר זיך, אז פאר דעם יאהר 1902 האט דער קאמיטעט געהאט א הכנסה פון 50,007 רובל.

— דער יודישער סטודענט דאשעווסקי, וואס איז אין גאס מיט א מעסער אנגעפאלען אויף דעם רעדאקטאר פון "זנאמיע" אונ מען האט איהם דערפאר אבגעמשפט אויף פינף יאהר ארעסטאנסקע ראטע", האט דערלאנגט איין "אקאסאציע" אין סענאט, דער סענאט האט אבער די אקאסאציע נישט אנגענומען.

— דעם 6 נאיאבער וועט זיך אין קישינוב אנהויבען די משפטים וועגען קישינובע־פאגראם אונ וועט דויערען ביז דעם 23 דעקאבער.

איז געקומען אהיים מיט'ן געלד, געחאפט דאס ווייב אונ געגאנגען א טענצל, שיער ניט משוגע געווארען פאר פרייד! דער אנדערער דער־ציילט נאך א שענערען אנעקדאט, ווי אזוי זיינער א באקאנטער, ער וויל ניט פורש בשמו זיין, איז געזעסען א גאנצע נאכט ביז'ן ווייסען טאג אריין אונ האט נישט אויפגעהערט צו ציילען נאך א מאל אונ נאך אמאל דאס געלד וואס ער האט געבראכט אהיים אונ ווי אזוי ער שטעלט זיך אפ איטליכס מאל אונ טוט זיך א קנייפ ביים לייב אונ א זאג צום ווייב: "שרה זיסל! ווי מיינסט דו, איך שלאף?"... דער גאנצער עולם שיסט אויס כלומרשט א געלעכטער, נאר מע זעהט אז סע איז פאלש: עס לאכט זיך עפים ניט אזוי ווי עס דארף צו זיין. איטליכער פיהלט אז עס געגזעלט איהם עפים אינווייניג, נאר ארויסזאגען קאן ער דאס ניט.

— געהערט א מעשה? — רופט זיך אן איינער א יונגערמאנטשיק מיט א זיידענעם קאשקעט אונ קראצט זיך אונטערען קאלנער — שמעון אלי דער שוחט וויל ניט קוילען.

— וואס הייסט ער וויל ניט קוילען? — מאכט א יוד א נגיד מיט א בייכל, וואס העננט איהם אראפ אונ ער מוז דאס האלטען אונטער־געבונדען מיט א גארטעל — וואס הייסט ער וויל ניט קוילען? — אט דאס הייסט! — מאכט דער יונגערמאן מיט'ן קאשקעט — ער איז שוין, זאגט ער, אויס שוחט, ער פארמאגט שוין איצט זיינע דרייסיג טויזענט קארבען! אונ קוילעט נאר פון זיינעטוועגען.

— דו מאכסט זיך נאריש! — זאגט דער יוד אונ ציהט ארויף דאס בייכל מיט ביידע הענט.

— ווי א יוד איך בין! — מאכט דער יונגערמאן — מיין שווינער האט געשיקט צו איהם דאס מיידל מיט עופות האט ער ארויסגעטריבען דאס מיידל מיט די עופות.

— דאס איז נאך בלאטע! — רופט זיך אן איין אויסגעדארט יודל, נעביך א קראנקער — איך האב מורא מיר וועלען אלע אויסגעהן פאר הונגער.

— פאר הונגער? וואס איז פאר א הונגער אויף אייך?

— וואס הייסט וואס איז? אז די קצבים ווילען ניט שעכטען, נישט געטעפענט אפילו היינט די יאטקעס.

— נעהט שוין גערהט!

— איך זאל אזוי האבען הצלחה בכל אשר אפנה.

— איהר זאגט קצבים? למאי בערע ברענבוך דער בעדער וויל נישט הייצען די באד?

— א נייער נגיד אין שטאדט — בערע ברענבוך! חא־חא! צווישען עולם ווערד כלומרשט א געלעכטער.

— א שיינער געלעכטער! — רופט זיך אן פארביילופענדיג א יונ־גערמאן מיט איין איבערגעשראקען פנים — לאכט־לאכט, אויסוואכסען א

דער ערשטער משפט וועט זיין וועגען די ערמארדונג פון באראנאוויטש, נאלאנטער, דראחמאן, קאנטאר און רוזע קאצאפ. אין דעם משפט גע־פינען זיך 37 בעשולדיגטע, צווישען זיי 8 וועלכע זענען בעשולדיגט וועגען רציחה.

עסטרייך־אונגארן. פון קאנסטאנטינאפאל שרייבט מען, אז דאר־טען געהט ארום א קלאנג, אז ד״ר הערצל געפינט זיך אין דער שטאדט שוין איינגע טעג. פון בערלין ווידער שרייבט מען, אז ווי עס ווייזט אוים איז נישט ריכטיג די ידיעה, אז ד״ר הערצל איז גערופען געווארען נאך קאנסטאנטינאפאל. אין די בריף, וואס ד״ר הערצל האט געשריבען צו זיינע פארטרויטע בעקאנטע איז פון דעם קיין ווארט נישט דער־מאנט. ביז דעם ערשטען אקטאבער איז הערצל געוועזען נאך אין וויען, אנדערע מעלדען, אז ד״ר הערצל איז גערופען געווארען נאך פעטערס־בורג. דער „הדגל״ שרייבט, אז מען ווארט אין לאנדאן אויף הערצל׳ס קומען, די חברים פון דעם־קליינעם אקציאנס־קאמיטעט און די דירעק־טארען פון באנק וועלען אויך זיך אויפהאלטען א קורצע צייט אין לאנדאן וועגען דער אוגאנדא־פארהאנדלונג.

דייטשלאנד. לויט די ערלויבניש פון דער דייטשער רעגירונג, וועלען אין דער עקספעדיציע, וואס וועט געהן קיין אוגאנדא טייל נע־מען פיער דייטשע ספעציאליסטען, וועלכע האבען שוין גענומען איין אנטייל אמאל אין דער עקספעדיציע, וואס די דייטשע רעגירונג האט אמאל געשיקט אוים צופארשען מזרח אפריקא, כדי דארטען צו מאכען דייטשע קאלאניעס. אלע מיטגלידער פון דער עקספעדיציע וועלען געהן קיין אוגאנדא ענדע נאוועמבער און וועלען זיך דארטען אויפהאלטען 7 חדשים.

— דער 7־טער ציוניסטען־קאנגרעס וועט זיין אין אויגוסט 1904 אין באזעל אדער אין האאג, און אויף דעם קאנגרעס וועט די אוגאנדער עקספעדיציע פארטראגען דעם רעזולטאט וועגען אוגאנדא.

-- דעם דיילי עקספרעס׳, וואס געהט ארוים אין לאנדאן, שרייבט זיין קארעספאנדענט אוים בערלין: פון א זיכערע קוועלע האב איך זיך דערוואוסט, אז א געוויסע אייראפייאישע רעגירונג, האט בדעה צו געבען די יודען, וואס געפינען זיך ביי איהר אין זעהר א גרויסער צאהל, א שטיק לאנד זיך צו בעזעצען און פיהרען דארט איין אויטאנאמישע הערשאפט. זי וועט עס אבער נישט אפיציעל פארשלאגען, איידער זי וועט וויסען די מיינונג פון דעם אקציאנס־קאמיטעט.

פראנקרייך. איינגע פראנצויזישע בלעטער שרייבען, אז אין דאס קריגס־מיניסטעריום זעהט מען איצט איבער די דאקומענטען, וואס האבען א שייכות מיט דרייפוסעס משפט און מען רעכענט, אז מען וועט איהם איבערמשפטען.

ארץ־ישראל. אין ירושלים האט זיך געגרינדעט איין אקציען־געזעלשאפט צו בויען פאבריקען צו מאכען פארשידענע וועב־ארבייט.

— נישט ווייט פון דער ירושלים׳ער פארשטאדט „מאה שערים׳ האט די רעגירונג געעפענט א בעזונדערע פאסט פאר יודען און די מארקען האבען אויף זיך דעם שטעמפעל ירושלים מיט יודישע אותיות.

ר׳ משה ליב ליליענבלום.

דיענסטאג כ״ט תשרי האט מען אין אדעסא געפייערט דאס 60 יעהריגע יובילייאום פון דעם בעריהמטען יודישען שרייבער משה ליב ליליענבלום.

ר׳ משה ליב ליליענבלום איז געבארען כ״ט תשרי תר״ד (דעם 10 אקטאבער 1843) אין קיידאן, א קליין שטעדטל אין קאוונער גובערניע. די ערשטע יודישע בילדונג האט ער בעקומען פון זיין זיידען (די מוטערס פאטער), וועלכער האט מיט איהם געלערנט תנ״ך און דקדוק און איהם נישט געלאזט לערנען קיין גמרא, ביז ער וועט נישט האבען א געוויסע ידיעה אין תנ״ך. פון זיין 12 ביז 14־טען יאהר האט ער געלערנט אין א ישיבה אין קיידאן, צו 15 יאהר האט ער געלערנט אין ווילקאמיר, וואו ער האט דעם אייגענעם יאהר חתונה געהאט און האט אנגעהויבען לערנען פאר זיך אהן א רבי׳ן און בים־לעכווייז אריינקוקען אין אנדערע מיני ספרים ווי דעם רמב״ם און אברבנאל. צו 21 יאהר איז ער געווארען א ראש־ישיבה אין א בית־המדרש און צו 22 יאהר האט ער אנגעהויבען זיך פארנעמען מיט דער העברייאישער ליטעראטור און אויף זיין ערשטען שיר האט ער זיך געחתמ׳עט „מורה לבני ישיבה בווילקאמיר״.

געלעכטער אויפ׳ן פופיק!... א שטאדט סאמע נגידים!... נישט טון פון דאנען אהין!... נישט צו קריגען אין ערגעץ א פוהר!... בעלי עגלות ווילען ניט פאהרען!... אט דארף איך פאהרען צום באהן ווי אין לעבען אריין, אפפיהרען א קינד צום דאקטאר... כ׳האב מורא איך וועל מוזען געהן צו פים צום באהן.

— צום באהן? — טוט זיך איינער א זאג פארביינעהענדיג — איך וויים גאר ניט צי עס געהט ערגעץ א באהן...

— א משל! איין עק הייסט דאס? די וועלט האט זיך אוועק־געשטעלט?

— זאלט איהר טאקי וויסען!

מיט א פארומעטיגט הארץ לאז איך מיך געהן ווייטער און הארך אלע מאל אלץ ערגערע בשורות, מאדנע דבורים, פארשידענע מימרות, און זעה פאר זיך סצענעס איינע טרויריגער פון דער אנדערער, דא געהט א מוטער, ברעכט די הענט: די זייגערין האט זי אוועקגעווארפען, איבערגעלאזט איהר א ברעקעלי קינד אויף די הענט און זי ווייסט ניט וואס מע טוט!... דארט לויפט א יונגערמאן טוידט ווי דער טוידט: דאס ווייב געהט ביי איהם צו קינד, און נישטא קיין אקושארקע, חאטש לעג זיך און שטארב!... דא שטעהט א יוד פארוויינט, ס׳איז ביי איהם געשטארבען היינטיגע נאכט איין אלטער פאטער און מע דארף איהם באהאלטען איז נישטא ווער ס׳זאל באהאלטען. „וואס הייסט? נו און חברה קדישא?״ „וואס מיר חברה קדישא? אז ס׳איז נישטא קיין שמשים! קיינער וויל זיך ניט ריהרען פונ׳ם ארט!... און דארט שטעהט א יוד פאר־זארגט: ער מאכט היינט חתונה א שוועסטער, דארף שטעלען א חופה, איז ניטא ניט קיין כלי־זמר, ניט קיין סארווערס, ניט קיין שמש, ניט קיין חזן—א ריינער אומגליק!... און דא קלאגט זיך איינער אויף דער פאסט: ער איז געגאנגען אפנעמען זעהר א נייטיגען בריף פון זיינעם א ברודער, איז נישטא קיין לעבעדיגער מענטש אויף דער פאסט? דער האלט אין מיטען בויען זיך א דירה, האבען איהם די בעלי מלאכות אוועק געווארפען אין מיטען דער ארבייט, און יענער האט א גרויסע פאבריקע, האט ער זי געמוזט צומאכען! הכלל מען הערט נאר צרות און צרות און צרות!

„רב מאיר, האטש מע רופט איהם ביי אונז „בעל מח״ בלשון סגי נהיר, איז אפנים גאר נישט אומגערעכט, וואס ער זאגט, אז מיר זענען אלע אויף צרות—אזוי טראכט איך מיר און לאז מיך געהן צו איהם אהיים, הערען וואס וועט ער עפים זאגען אויף ווייטער, און אינוויינינג אינטערען לעפעלי פיהל איך ווי עפים זויגט מיך און נאגט מיך, טאקי נאר ווי ווערעם עסען מיך...

ענדע קומט.

וועגען זיין מאמר „נוספות להמאמר ארחות התלמוד", וואס האט שוין געשמעקט אביסל מיט אפיקורסות, האט ער בעקומען די ארטאדאקסישע יודען פון זיין שטאדט פאר שונאים אונ איז דעריבער, לויט די עצה פון דעם ד"ר שאפיר אויס קאוונא געפאהרען אין יאהר 1870 אין אדעסא זיך דארטען צו צוגרייטען אנצוקומען אין אוניווערזיטעט, ער האט אבער דארטען קיין הילף נישט בעקומען אונ איז געווארען א לעהרער. אין 1871 האט איהם דער פארשטארבענער צעדערבוים צוגענומען צו רעדאגירען דאס זשארגאנישע בלאט „קול מבשר", וועלכע ער האט נאר ביז נומער 22 רעדאגירט, ווייל ער האט זיך נישט געקאנט שטימען מיט צעדערבוימען. אין 1872 האט ער בעקומען א שטעלע אין א געשעפט, וועלכע האט זיך נאך אנדערהאלבען יאהר פארמאכט אונ ער האט געמוזט ווידער ווערען א לעהרער. אין 1877 האט ער זיך אנגעהויבען לערנען בוכהאלטעריע. שפעטער האט ער זיך ווידער פארנומען מיט צוגרייטען זיך צום אוניווערזיטעט. נאר אין יאהר 1881, ווען עס האבען זיך אנגעהויבען די פאגראמען, האט ער דאס לערנען אוועקגעווארפען אונ האט זיך אין גאנצען איבערגעגעבען צו חבת ציון.

ליליענבלום האט געשריבען דאס רוב מאמרים זיינע אין „השחר", א גוואלדיגען רושם האבען געמאכט זיינע מאמרים, אין וועלכע ער פאדערט תקונים בדת. דעם גרעסטען רושם האט געמאכט זיין ספר „חטאת נעורים", אויף וועלכען ער שרייבט זיך אונטער מיט דעם פסעוודאנים „צלפחד בר חושים התחוי". ליליענבלום'ס מלחמה געגען די ארטאדאקסען האט ארויסגערופען א גאנצע מחנה שרייבער אויף זיין זייט אונ דער פארשטארבענער ר. א. ברוידעס האט איהם גענומען אלס העלד אין זיין ראמאן „הדת והחיים".

אויך אלס חובב־ציון האט ער פיעל געווירקט אונ נישט לאנג האט ער אבגעדרוקט 2 ספרים „דרך תשובה" אונ „דרך לעבור גולים". ליליענבלום האט אויך געשריבען פיעל אין די רוסישע אונ זשארגאנישע בלעטער אונ רעדאגירט דעם ערשטען סבארניק אין זשארגאן „דער וועקער".

ליליענבלום איז פון די געציילטע יודישע שריפטשטעלער, וועלכער איז בעליעבט ביי אלע קלאסען פון יודישען פאלק אונ וואס ליליענבלום זאל ניט שרייבען וועט איהר דארט געפינען א סך ליבע צו זיינע ברידער.

מיר ווינשען דעם פון אלע בעליבטען שריפטשטעלער נאך א סך יאהרען ארבייטען פאר זיין פאלק, וועלכעס ער האט אזוי ליב.

די מזרח־אפריקאנישע פראגע.

די צייטונג דער „טאג" ברענגט א בריף פון ד"ר א. פריים, אין וועלכען דער ד"ר ווייזט אויף, אז די אלע מעלות, וואס זענען אויסגערעכענט אין די ענגלישע בלעטער וועגען מזרח־אפריקא, זענען געשריבען געווארען מיט א כיון, בכדי צו געבען חשק דעם פאלק זיך דארטען צו בעזעצען. ענגלאנד האט צוגענומען דאס שטיק לאנד אונ ווייסט נישט וואס צו טון דערמיט. די אוגאנדער אייזענבאהן האט איהר אבגעקאסט מעהר אלס הונדערט מיליאנען אונ עס ברענגט איהר גאר נישט איין. דאס פאלק לאזט זיך אבער נישט פארנארען אונ וויל זיך דארטען נישט בעזעצען, אונ נאך אלע גליקען, וואס ענגלאנד זאגט צו געבען די, וואס וועלען זיך דארטען בעזעצען, געפינען זיך דערויף קיין בעלנים נישט אונ מעהר ווי 1,500 ווייסע זענען נאך דארטען דערוואייל נישטא. איצט וויל ענגלאנד פרובירען דארטען בעזעצען די יודען, אפשר וועלען זיי איהר מאכען פאר א געבענשט לאנד. א געוויסער ד"ר הערצקא אויס וויען האט אין יאהר 1891 געפרובט דארט צו גרינדען א קאלאניע, וואס זאל זיין איינגעארדענט נאך דער סאציאליסטישער שיטה אונ האט באלד געזעהן, אז מזרח־אפריקא איז נישט קיין ארט דערצו. צולעצט ווארענט דער ד"ר פריים די אנפיהרער פון די ציוניסטען, זיי זאלען זיך גוט ארומקוקען איידער זיי געהען דארטען גרינדען קאלאניעס פאר יודען.

ווען אפילו דער ד"ר פריים זאל האבען, איבער וואס עס איז פאר א סבה, אביסל מגזם געווען אין זיין בריף, זיין עצה אבער צו זיין פארזיכטיג דארף מען א ודאי פאלגען.

אויף כטעות'ען אונ אויף דער אמת'ן

אדער

א כלה אונ צוויי חתנים.

א דאס האט מיר אמאל א לעהרער פון זיך דערציילט, געמיינט דערמיט ביי מיר נושא חן צו זיין. ער איז א גאנצער יא טעבע דאס פון צעהן רובל איין אוראק אונ רופט זיך בארים מאיסייעוויץ זילקאווסקי.

אזוי ווי איינער פאהרט אריין מיט'ן דישעל, האט ער ביין ערשטען פאפיראס אנגעהויבען: דאס האט זיך געטראפען אין א שטאדט, וואס איך קען. דאס מיידל האב איך אויך געקענט; זי איז געווען א שווארצחנ'עווודיגע אונ איז אלעמען געפעלען; מיר אויך א ביסל, מיין טאוואריש שימחאוויץ גארניט צו זאגען. ער איז אבער בטבע א גרויסער שלימזלניק אין ענין פון ליבע. פון דעסטוועגען הערט ער ניט אויף אלע מאל איין התחלה צו מאכען. אז ער האט אלע מיידלעך ליב, וואס ער זעהט זיי. נאר קאן מען ביי זיי קיין מאל קיין עק ניט דערגעהן; זאגט ער עפיס לאכען זיי. אונ אז ער שטעהט שוין יא אויף א שטיקל לאט, קעהרט מען איבער דעם שמוים, אונ ער איז פון יענער זייט טיר... ער מיינט עס אלע מאל אין הארצען אויף דער אמת'ן אונ ער טראכט ביי זיך: ס'איז סקוטשנא, אז מע האט גיט וועמען ליב צו האבען. געה זשע, טו מיט זיך גלאט אזוי א שידוך, ווי פאסט דאס עפיס היינטיגע צייט. האט ער שוין יא איינע ליב וויל זי גארניט. זאגען זאגט זי דאס אפילו ניט אזוי אקוראט, פארקעהרט, בשעת זי זידעלט זיך מיט איהם, בעט זי איהם, ער זאל צו זיי קומען; קומט ער, איז מען דאכט זיך פריילין, מע גיט זיך א דרעה, א שפרונג, אבער דאס הארץ זאגט, אז דאס מיינט מען גארניט איהם... אי פארוואס איין אנדערען יא אונ איהם ניט, א דאס איז טאקי די גרויסע שאלה. אונ ווען ער פלעגט צו מיר אריבערקומען נעמען א כוך, האט ער ליב אין דעם דאזיגען וואפראס מיט מיר צו קלערען. „גאנטשאראוו, זאגט ער, האט געהאט אין דעם ענין א שטארקען קוק". זאג איך צו איהם: „אז דו וועסט אפילו נאך צעהן מאל ליינען, וועסט דו נאך תמיד דעם תוך ניט וויסען". זאגט ער צו מיר: „איין מאל מוז מען דאך וויסען". ענטפער איך איהם: „א דאס איז דער חסרון, אז דו וועסט קיין מאל ניט

וויסען, ווען דאס איינע מאל איז". "חקרנ'ען אהין און אהער, חאפט ער זיך ביים לאפ, הײנטיגען זומער מוז ער ווערען א חתן, ווען עס זאל איהם קאסטען דאס לעבען". "נא, דו וועסט נאך דעם ווינטער אויך דערלעבען; אבער איך בעט זיך, האב אויף מיר רחמנות און שפרינג ניט אריין אין א מולטער". אזוי זענען מיר זיך צעגאנגען. איך האב איהם ניט געזעהן א חדש כסדר. איך האב מיך אפילו געפרעגט: וואס דארף איך איהם האבען? אז ער קומט ניט, זאל ער ניט קומען.

ער איז אבער יא געקומען. אין דער פריה איז דאס געווען. איך בין נאך געלעגען אין בעט. ער שפרינגט אריין מיט א פרייד: פאניע זילקאווסקי, איך האב עס! — וואס האסט דו? — קוק מיך אן און טרעף! — איך וויל ניט טרעפען, אז דו ווילסט, דערצייהל. — דו זאלסט עס טאקי תכף וויסען, איך בין שוין ווי א שטיק חתן. — וואס הייסט א שטיק? — וואס איז דאס פאר א פרעג, פרעג מיך בעסער איבער דעם מיידל. — דאס מיידל איז מסתמא א שיינע. — א שיינע! מענש איינער, א קראסאוויצע, איך האב זי שרעקליך ליב. — איז דאך גוט. — א שאלה! — וואס זשע טראכסט דו צו טון? — וואס זאל איך טון? — איך קום אלע טאג נאכ'ן עסען אהין און רעדט. — וואס זשע וועט זיין דער סוף? — דער סוף וועט זיין, איך וועל זי נאך מעהר ליב האבען, איך זאג דיר, זי איז גאר וואזשנא, איין אנטיק. — איז זי א הויכע? — יא. — א ברונעטע? — פין וואנען ווייסט דו? — ווילסט דו זי מיר ווייזען? — א ודאי, א דאס בין איך טאקי צו דיר געקומען. — שוין היינט? — פארוואס ניט היינט? לאמיר היינט אהינגעהן נאכ'ן אנבייסען. — איך זאג דיר, שימחאוויץ, זאג איך צו איהם פלוצים, פאלג מיך, נעם מיך ניט מיט. — ביזט דו משוגע? איך וויל זי דיר אבער ווייזען. — לאז אזוי זיין, אז דו ווילסט.

דעם אייגענעם טאג זענען מיר אהינגעגאנגען. איך האב אנגעטאן דעם סורטוק. טאקי באמת א שיינע בארישניע... אין דריי טאג ארום זענען מיר דארט נאך אמאל געווען. די אנדערע וואך אלע טאג.. מיר דאכט זיך, זי האט שימחאוויצ'ן גארניט ליב. וואס זשע טו איך דא? מענש, איהם ניט און דיך יא, אזוי איז די מעשה. דאס איז גאר נישקשה. איך זאג צו רעבעקא דאווידאוונא איינמאל: וואס האלט איהר פון איהם? — גארניט האלט איך פון איהם. — וואס זשע טויג אייך די מחותנ'שאפט? — מחותנים זענען מיר גארניט, אבער אז ער קומט און ברענגט מיר ביכער צום ליינען, וואס ארט מיך דאס? — ער האט אבער א גוט הארץ, איך קען איהם גוט-הארץ, וואס טויג מיר דאס, אז דער גאנצער מענש איז בסך הכל א נאר. אזוי זענען מיר געזעסען בנעימות און האבען אונז גערעדט. ער איז געווען איבער־גליקליך, אז ער האט געזעהן, אז זי געפעלט מיר. פארוואס ניט א שיין מיידל, נאך מיין גוסט. וואס טויג זי שימחאוויצ'ן? — איך וויל אייך דערציילען בקצור. ניט ער איז געווארען דער חתן, — צו מיר האט מען געשיקט.

מ. י. בערדיטשעווסקי.

פונקען.

I.

א ווינט א בייזער ברומט און ברומט:
דער ווינטער קומט, דער ווינטער קומט!
דער וואלד שטארבט אב, דער וואלד ער שטומט,
דער הימעל איז שוין שווארץ.

א שווארצער וואלקען ציהט זיך מיד,
עס שרייט דער "קרא", דער ווינט זינגט מיט,
א טרויעריגע ווינטער-ליעד
וועבט זיך שוין אין מיין הארץ...

II.

ווען א קאלטער ווינט וועט ברומען,
אלץ וועט שוידערן פון קעלט
אין דיין ארימען געצעלט —
זאלסטו צו מיר קומען.

הייסע פונקען, ווארמע פונקען,
וועלכע לעשען זיך ניט אוים,
וועלכע פליהען ניט ארוים,
זענען אין מיין הארץ פארזונקען.

ווען דער ווינט וועט יאגען דיך,
קאלט וועט זיין דאס לעבען און שווארץ, —
קום איך עפען דיר מיין הארץ,
אן די פונקען ווארם זיך...

III.

כ'האב געזוכט אין דעם דונקלען הימעל א שטערען,
און האב ניט געפונען —
פון דעם ווינט האט זיך טרויריג געגאסען א ליעדל
און איז מיר אין הארצען געזונגען...

וואלקען אויף שטיקלעך צעריסען, צעווארפען,
האב איך געזעהן;
זיי ציעהען זיך לאנגזאם, און שווארצער, דערשלאגען
איז איינער פון צווייטען געווען.

איין וואלקען דער טרויריגסטער איז פלוצלינג פארשוואונדען
פון הימעל דעם שווארצען.
איך האב איהם געזוכט און האב איהם דערשפירט
ביי מיר אין מיין הארצען...

יצחק י. קאצענעלסאהן

פינסטער.

(ערצעהלונג).

(ענדע).

רעדענדיג האט זי זיך אויפגעהויבען און אנגעשפארט דעם קאפ אן פענסטער און זיך שטארק איינגעקוקט; זי האט אבער גאר נישט בעמערקט, דער רעגען האט נאך געגאסען, די פינסטערניש ווערד ניט שוואכער.

זי האט זיך ווידער אראבגעלאזען אויף איהר ארט.

עס איז שטיל, דער רעגען קלאפט אויף די שויבען, א פארזע־סענע פליג האט פלוצים א זומע געטאן און א דרעה געטאן זיך ארום דעם גלאז פונ'ם לעמפל, אראבגעלאזען זיך אין דער נידער, אויפגע־הויבען זיך אין דער הייך און אבגעטראגען זיך אן א זייט, העכער און העכער ביז דער סטעליע.

— קאפ־קאפ־קאפ, — דערהערט די מאמע מיט דער טאכטער

און האבען זיך אויפגעכאפט און איבערקוקט זיך עטליכע סעקונדען...

א לייכטער טעות איז זיי דורך געפלויגען ביידע אין קאפ: עס געהט עמיצער; באלד אבער האבען זיי זיך דערוואוסט, אז עס איז גאר נישט. דאס „קאפען" האט נישט אויפגעהערט, עס האט זיך צוגעטראגען פון דאנען ערגעץ, פון אינעווייניג. פון וואנען קאן עס זיין? יא, עס איז דייטליך, פון קאמער...

באשע לאה האט א נעם געטאן דאס לעמפל, איז אריין שנעל אין קאמער און איז געבליבען פארשעמט: אויפ'ן בעט האט אנגערונען דורכ'ן סטעליע א גאנצע בלאטע.

ברײנע איז אויך אריין און האט פארבראכען די הענט קוקענדיג

— דא ליגט דאך איהר גארדעראב אויך.

— וואס שטעהסטו, גולם! — שרייט אויס באשע לאה אין פארצווייפלונג: — דערלאנג א הער גיך א טעפל, דאס וועט מען ניט קאנען שלאפען, די גאנצע בעטגעוואנט וועט פארפוילט.

— איך בין איהר שולדיג — זאגט ברײנע אנציגדענדיג זיך — אז די סטעליע רינט ווי געפעלט עס דיר?

— וואס בורצעסט דו דארטען פלאקען הילצערנער! — וועה איז מיר, ווי ווער איך שוין פטור פון מיינע צרות!...

— זי האט שוין אנגעהויבען, די אלטע מכשפה, — רעדט צו זיך ברײנע, זוכענדיג אין דער פינסטער א טעפל.

— וואס קרעכקסטו דארטען? — שרייט באשע לאה: עס איז דאך שוין דא א בלאטע חאטש דערטרינקט זיך...

— דער טרינקט זיך אז דיר איז ליב, שרייט ברײנע, אוועקשטעלענדיג א טעפל אויפ'ן בעט.

— דערלעבט — קלאגט זיך באשע לאה — נחת, דערהאט פון איין איינען קינד, „כבוד-אב"... „רבונו של עולם", איז שוין מיינע זינד אזוי גרויס?!...

חליפענדיק האט זי אראפגענאסען דאס וואסער פון בעט, אוועק געשטעלט אויף דעם ארט, וואו עס האט גערונען פון סטעליע, דעם טעפל. קוים איז איהר געראטען מיט דעם אבצופארטיגען זיך ערשט, עס האט זיך דערהערט א „שליאפעריי" אונטער'ן טיר.

— וועה איז מיר, מען געהט, חאפט זי זיך אויף ארײנלויפענדיג אין שטוב פון קאמער, האט אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש דאס לעמפל און האט גענומען מיט איהרע דארע צעקנייטשטע הענט אויסווישען די טרערען פון די אויגען.

— זעץ דיך א נידער, — זאגט זי שטיל, פארביסען, צו ברײנען, און האט זיך אוועקגעשטעלט אין מיט'ן שטוב קעגען טיר.

— אלע בייזע חלומות צו מיינע שונאים'ס קעפ! — זאגט זי ארויס, ווען זי האט דערזעהן איהר מענדלען ארײנקומענדיג, „נאס ווי א האן".

— האסט ניט געקאנט איבערוואַרטען דעם רעגען?

— און אז דער רעגען וועט גאר ניט אויפהערען? איך האב נאך א גאנצען טאג ניט געגעסען.

זעה נאר ווי פון איהם רינט — טו אויס די קאפאטקע און דרעה עס אויס, קענסט זיך נאך פארקילען, גאט מיינער...

— איך „חלש" עסען, זאגט מענדל אוועקלעגענדיג זיין נאסע קאפאטקע און איז געבליבען אין א קליין קאמזעלקע, פון וועלכע עס האבען ארויסגעשטעקט די פייכטע ברייטע ארבעל פון זיין העמד און פיער לאנגע „ציציות" פון אונטען.

— וואס זאל איך דיר געבען? — וועטשערע האב איך היינט ניט געקאכט, נעם איין עפעל ליגט דארטען אין קויש און עס מיט ברויט.

— אוה!, — האט זיך ארויס געריסען א קרעכץ פון אונצופריעדענהייט ביי מענדלען פון הארצען. ער האט אבער גענומען באלד איי עפעל מיט ברויט און זיך אביסל בערוהיגט.

דער רעגען הערט ניט אויף צו גיסען, באשע לאה געהט ארום עטליכע מאל איבער'ן שטוב, פארקוקט זיך אין קאמער, הירט זיך צו ווי די טראפענס רעגען פאלען אין טעפל מיט א שארפען קלאנג, קעהרט זיך אב פון דארטען און ווארפט עטליכע קרומע בייזע בליקען אויף ברײנען. זי קוקט זיך צו איהר צו, זי זעהט ווי זי זיצט ביים טיש, אראבגעלאזען דעם קאפ אנגעשפארט אויף דער לינקער האנט, און מיט דער רעכטער שפילט זי זיך מיט דער פעדער, דאס געזיכט צארענדיג, די באקען ווי זיי וואלטען זיך נאך מעהר אויסגעצויגען און אנגעשוואלען ווערען, די אייבערשטע ליפ צוגעצויגען, די אונטערשטע — אראבגעצויגען, אראבגעקאשערט, ווי א פארביינטער ברעג ארבעל...

— מיט אזא ליפ, מיט אזוינע באקען ווי קאן מען געפעלען ווערען, — לויפט דורך באשע לאה'ן א געדאנק אין מח, — אז זי וואלט חאטש שכל האבען פארמאכען דעם מויל...

— עס וועט א פנים קיינער ניט קומען, — זאגט זי הויך און געהט צום פענסטער און קוקט זיך שטארק איין.

דער רעגען קלאפט ווי פריהער, די זעלבע פינסטערניש, מען בעמערקט גאר נישט.

— וואסער משוגע'נער וועט זיך לאזען אין אזא נאכט? — רעדט זי צו זיך ווייטער און וויל שוין צונעמען פון דארטען איהר געזיכט, ערסט מיט א מאל האט איהר עפיס א שיין געטאן אין די אויגען.

זי האט זיך מעהר ארײן גע'ריקט אין פענסטער, אזוי אז איהר שטערען האט געפיהלט די נאסע קאלטע שויב, האט אויפגעריסען מעהר איהרע אויגען און זיך שטארק צוגעקוקט: פון א זייט עפיס פון דער קריס בלאנדזיעט עפיס א קליין רויט פינטעלע, שימערט א קליין פייערל אין דער פינסטער, און צוזאמען מיט דעם פייערל האט זיך אויפגעפלאקערט איהר האפנונג... איהר האט גענוטען שנעלער קלאפען אין הארצען און אין די שלעפען: „טאמער"... דאס פייערל שווימט, שווימט אין דער שווארצער נאכט און קומט צו וואס ווייטער נעהנטער. אט האט עס זיך אויף א רגע אבגעשטעלט, עס לעשט זיך עפיס ווי פון ווינט — פארלאשען?... ניין, ווידער פאנאנדערגעברענט זיך!... אט איז עס שוין ביי בונם'ס הויז, אט, אט איז עס שוין נעבען איהר...

— א הער! — האט זי אויסגעשריגען און איז אבגעשפרונגען פון'ם פענסטער, אז ברײנע האט זיך ווי דערשראקען און אויפגעהויבען אויף איהר דעם קאפ, און מענדל האט אויף א רגע אויפגעהערט צו קייען דאס ברויט מיט דעם עפעל:

— מען געהט אהער — זאגט זי געשווינד — מיט אלאמטערן, פארריכט א ביסל די האר, קוק ניט, ווארט ניט, מאך צו דאס מויל!...

זי איז צוגעלאפען צום טיר און האט עס פאנאנדערגעעפענט.

א יונגער בחור מיט רויטע נאסע באקען, מיט טראפענס וואסער אויף די ברעמען האט זיך אביסל ארומגעטרייסעלט פונ'ם רעגען אונ איז אריין אינוועניג מיט זיין לאמטערן. זיי האבען איהם דערקאנט: לייזער'ס א פריקאשציק.

— וואס, געקומען צו פאהרען? — שרייט אוים באשע לאה איהם א קעגען.

— ווער? — פרעגט ער אונ קוקט זי אן פארוואונדערט.

ביי באשע לאהן מיט ברייגען האט זיך עפיס מאדנע א ציפ געטאן אין הארצען.

— וואס דען? אין אזא רעגען וואס געהסטו?

— דער בעל־הבית האט מיך געשיקט זאגען אייך, אז אויפ'ן יריד אין י. איז קיינער ניט געפאהרען, ניטא אויף וואס צו ווארטען, ווער אונ וואס ווייס איך ניט...

באשע לאה'ס געזיכט האט זיך פארקרימט פאר וועהטאג, זי זאל ניט אומפאלען האט זי זיך אנגעשפארט אן אויוועז, אונ ברייגע האט זיך מיט א מאל געפיהלט, ווי מען וואלט זי אבגעגאסען פלוצים מיט איין עמער קאלט וואסער, אונ אהן כחות האט זי זיך אראבגעלאזט אויף א בענקל.

— וואס איז אייך, באשע לאה? — פרעגט דער פריקאשציק, בעמערקענדיג איהר בלאס פנים.

— ס'אזא ספאזמעס, גיט פאר דיר געדאכט, מיין קינד, ניט איין אמאלעדיגער כח... כדאי געווען צו געהן צוליב דעם אין אזא רעגען...

— איך ווייס וואס האט ער מיך געטריבען?

— א גוטע נאכט, — זאגט ער ווייטער, בעטראכטענדיג זיין לאמטערן, — מען דארף געהן, מארגען דארף מען פריה אויפשטעהן, דער רעגען, דאכט מיר, איז אביסל קלענער געווארען, האט אייך א גוטע נאכט...

א קעלט האט איהר דורך גענומען. זי האט צוגעמאכט די טיר אונ איז צוגעגאנגען א קעגען ברייגען, וועלכע איז נאך צו זיך ניט געקומען.

— וואס — זאגט זי איהר מיט א פארווארגען קול — מעגסט זיך אויסטון לעגען שלאפען, ניטא וואס צו ווארטען...

דער רעגען האט נאך אלץ געקלאפט אין די שויבען, דאס לעמפל האט מען אויסגעלאשען באלד, אונ די פינסטערניש האט זיך מיט א גוואלד א שפאר געטאן אין שטוב אריין אונ איינגעשלונגען די פינסטערע נשמות אויך...

מ. ערליך.

מרדכי נח

דער גרינדער פון א יודישע מדינה אין אנפאנג פון נייצענטען יאהרהונדערט.

מרדכי נח איז געבארען אין פילאדעלפיא אין יאהר 1786. פון פאטער'ס צד שטאמט ער ארוים פון א גרויסע מאראנען־ (אנוסים) פאמיליע, וואס איז אנטלאפען פון ליסאבאן (פארטאגאל) קיין לאנדאן אונ פון דארט קיין אמעריקא. אין זיין פריהסטער יוגענד זענען איהם זיינע עלטערן אבגעשטארבען אונ ער האט געמוזט זיין ביי א זיידען. דארטען האט ער בעקומען א זעהר גוטע ערציהונג. זיין זיידע האט איהם געדונגען לעהרער, וואס האבען איהם געלעהרענט שפראכעי אונ וויסענשאפט, דערצו האט ער איהם נאך אבגעגעבען אין א שול פון בילדער־שניצעריי. נאר מרדכי נח איז ביי דער ארבייט ניט לאנג געבליבען. זיינע לעקציעס האט ער זעהר פלייסיג געמאכט אונ די איבעריגע צייט האט ער פארבראכט אין טעאטער, וואס ער האט זעהר ליב געהאט. מיט דער צייט האט זיך ביי איהם ענטוויקעלט די דראמאטישע קונסט, מיט וועלכער ער איז שפעטער בעריהמט געווארען. צו 24 יאהר איז ער געווארען רעדאקטאר פון א פאליטישען זשורנאל. דענסטמאל האט ער זיך שטארק בעשעפטיגט מיט דער יוריספרידענץ. שוין אין יאהר 1810 האט ער געשריבען דראמאטישע ווערק, וואס האבען ביים עולם זעהר אויסגענומען. נאר די אלע בעשעפטיגונגען זענען געווען טפל־זאכען צו דער הויפט־אידעע, וואס האט אין איהם זיך ענטוויקעלט פון דער פריהסטער יוגענד אן. ער האט ניט אויפגעהערט צו טראכטען, מיט וואס העלפט מען דאס יודענטום אונ ווי זאל מען זיי העלפען. דאס יודישע אומגליק האט ער געזעהן נאר אין דעם וואס זיי זענען צעזייעט אונ צעשפרייט, דעריבער ליידען זיי טאקי רדיפות אהן א שיעור אונ אהן איין ערך. ער האט געפונען, אז יודען מוזען האבען איין אייגענע היים. אבער וואו קריגט מען די היים, אונ ווי אזוי? עס איז ביי איהם געבליבען, אז יודען מוזען האבען איין אייגענע מדינה אונ דווקא אין ארץ־ישראל. נאר נאך דענסטמאלדיגע צייט אונ קולטור האט זיך מרדכי נח ניט געקאנט פארשטעלען, ווי וועלען יודען קאנען צוקומען צו ארץ ישראל אהן כלי זיין... דער טערק וועט דאך בודאי מיט גוטען ניט וועלען אבגעבען דאס לאנד, מוז מען דאך נעמען מיט גוואלד — אונ אויפגעהן מיט גוואלד מוז מען דאך עפיס האבען מענשען... חיל, כלי זיין, ווי דער שטייגער א"ז. מרדכי נח איז אבער געפאלען אויף אזא פלאן. נישט קשה — זאגט ער — יודען, אהן עין־הרע, זענען דא פיעל אויף דער וועלט, זיי וועלען אזא מדינה ווי טערקיי קאנען בייקומען, מען מוז נאר האבען קיבוץ־גליות, אז אלע יודען זאלען צוזאמענקומען. דערצו מוז מען זיי פריהער מאכען עפיס וואו א דערוויילייודישע מדינה, אלע יודען פון דער גאנצער וועלט זאלען דארט צוזאמענקומען, זיי זאלען זיך צו לערנען א פאר דורות תכסיסי־מלחמה אונ דערנאך, אז זיי וועלען געהן אויפ'ן טערק וועלען זיי געווים איינגעמען. אלץ איז שוין אין זיין פלאן געווען פארטיג. עס איז נאר געבליבען די פראגע, ווי הויבט מען אן צו רעדען מיט די יודען אונ וואו זאל מען זיי לעת־עתה געבען א מקום־מנוחה. בעזונדערס האבען איהם אינטערעסירט די פיעל יודען, וואס וואהנען אין צפון־אפריקא, דען פון בנימין טאדעלער אן האט זיי נאך קיין יודישער רייזענדער בעזוכט. עס האט זיך איהם שטארק פארוואלט וויסען זייערע מנהגים אונ זייער לעבענסארט — אפשר קאן מען מיט זיי עפיס טון. נאר ווי אזוי קומט מען קיין צפון־אפריקא? דערצו נאך אהן כלי־זין. ער איז געפאלען אויף א פלאן, אז ער קאן דאס לייכט אויספיהרען, ווען ער זאל ווערען קאנזול אין טונים. דענסטמאל איז גראד די שטעלע געווען פריי אונ דער פרעזידענט האט פון איהם זעהר פיעל געהאלטען פאר זיינע ליטערארישע ארבייט. דער פרעזידענט האט איהם אפילו תחילת אנגעשלאגען צו ווערען קאנזול אין ריגא, נאר מרדכי נח האט דאס ניט געוואלט אננעמען. אין 1813־טען יאהר איז ער געווארען דער אמעריקאנישער קאנזול אין טונים.

די שמחה פון מרדכי נח'ן בשעת ער איז ארויסגעפאהרען פון ניו־יארק איז ניט צו בעשרייבען. ער האט געמיינט, אז אט אט איז ער שוין נאהענט צו זיין ציעל — נאר אזוי גיך איז דאס ניט געגאנגען. עס איז דענסטמאל גראד געווען א מלחמה צווישען די ענגלענדער און די צפון־אמעריקאנישע שטאטען און ווי מרדכי נח איז געקומען מיט'ן שיף אויף דעם פראנצויזישען האפען האט מען איהם גענומען געפאנגען און מע האט איהם געבראכט קיין פליימוט. די ענגלישע רעגירונג האט איהם זעהר איידעל בעהאנדעלט; זי האט נאר ביי איהם איין עהרענווארט גענומען, ער זאל פון לאנדאן ניט אוועק, האט איהם אבער געגעבען רשות צו בעקוקען אלע שטעדט פון דעם אינזעל־לאנד.

אז מרדכי נח איז פריי געווארען, איז ער אוועק געפאהרען גלייך קיין צפון אפריקא און האט דארטען אנגענומען די שטעלע פון אמעריקאנישען קאנזול. ער איז אבער ניט לאנג געווען אויף דער שטעלע. מען האט איהם אבגעזאגט פון דעם קאנזולאט און ער האט געמוזט אוועקפאהרען פון אפריקא נאך איידער ער האט עפיס אנגעהויבען צו טון וועגען זיין אידעע. אבגעזאגט פון זיין א קאנזול האט מען איהם איבער די וויכטיגע סבה. די אמעריקאנישע רעגירונג האט איהם אריינגעשיקט א געוויסע סומע געלד, ער זאל אין אלזשיר אלע געפאנגענע אמעריקאנער אויסקויפען, און ארויסלאזען פריי. דאס האט ער אבער געמאכט דורך איין אמעריקאנער, וואס איז שוין אבער געוועזען שפאנישער בירגער, יענער האט אויסגעגעבען אויף דעם פדיון שבוים פיעל מעהר געלד, ווי די אמעריקאנישע רעגירונג האט בעשטימט אויף דעם רעסט געלד האט מרדכי נח אויסגעשטעלט וועקסלען אויף אמעריקא. די וועקסלען זענען אבער גלייך צוריקגעקומען מיט פראטעסט. מרדכי נח איז אריין געפאלען אין א זעהר טרויעריגע לאגע, ער האט נאך געשפילט מיט גליק, וואס דער ענגלישער קאנזול אין טוניס האט איהם ניט גלייך אויפ'ן ארט ארעסטירט. מרדכי נח האט אנגעווענדט אלע כחות, ער האט בעקומען געלד ביי גוטע פריינד און האט דעם רעסט בעצאהלט פון זיין אייגענע קעשענע. אבי די געשיכטע צו פארווישען — נאר דאס האט ניט געהאלפען. מרדכי נח האט פלוצלינג בעקומען א בריף פון דער אמעריקאנישער רעגירונג ער זאל זיך פון זיין שטעלע ענטזאגען. דער אויסרעד איז געווען, וואס זיי האבען אין דער גאנצער מעשה געהאט א מקח־טעות: בשעת מען האט איהם געמאכט פאר א קאנזול האבען זיי ניט געוואוסט, אז ער איז א יוד... מרדכי נח איז אוועקגעפאהרען צוריק קיין ניו־יארק. מיט דער דאזיגער רייזע האט ער די האפנונג וועגען די צפון־אפריקאנער יודען כמעט אין גאנצען פארלארען. אבער די אידעע, אז יודען מוזען האבען איין אייגענע מדינה איז ביי איהם געווארען נאך שטארקער און שטארקער... קומענדיג אין ניו־יארק האט ער אנגעהויבען צו רעדיגירען א טעגליכע צייטונג: „דער נאציאנאל אדוואקאט“. ער האט זיך אנגעהויבען מישען אין אלע פאליטישע און סאציאלע ענינים. אומעטום איז ער געווען אנגענומען בכבוד גדול, אין א קורצע צייט האט ער זיך ערווארבען די גרעסטע טיטעלן און האט איינגענומען די גרעסטע שטעלע אין דער וועלט, וואס א יוד האט נאר געקאנט בעטרעטען. נאר ביי אלעם דעם איז די אידעע וועגען דער יודישען מדינה ביי איהם ניט איינגעשלאפען. וואס גרעסער ער איז געווארען אין דער געזעלשאפט, איז ער אלץ טרייער געווארען דעם יודענטום.

אין 1818־טען יאהר, אז מען האט אויפגעבויט דעם גרויסען יודישען טעמפעל אין ניו־יארק האט מאיאר נח געהאלטען א חנוכת הבית־רעדע. די רעדע האט די יודישע געמיינדע אבגעדרוקט און צעשיקט צו אלע גרויסע לייט פון דער שטאדט, יודען און קריסטען. א קריסטליכער געלעהרטער, דזשאן אדאמס, שרייבט וועגען נח'ס דרשה אזוי: „אזא ליבעראלע שיינע גלענצענדע רעדע האב איך נאך אויף מיין לעבען ניט געלעזען“ אין דער רעדע בעווייזט ער די יודישע מעלות סיי גייסטיג סיי פיזיש. די יודען האבען ניט אויפגעגעבען זייער טרייהייט צום אמת'ן גאט, וואס זיי האבען צום ערשטען מאל דערקענט. די יודען זענען ניט אזוי שוואך אזוי שרעקענדיג ווי די קריסטען מיינען, זיי זאלען נאר האבען צווישען זיך אחדות וואלטען זיי מיט טערקיי געקאנט מלחמה האלטען און זייער אייגען לאנד, וואס עס קומט זיי על פי דין ועל פי יושר, צוריק בעקומען. איך קען — זאגט נח — די יודען פון פיעל לענדער זיי האבען געקאנט ארויסשיקען א חיל פון הונדערט טויזענט מאן, בעוואפענט מיט כלי־זיין, זיי וואלטען שוין מיט'ן טערק פארטיג ווערען און וואלטען צוריק בעקומען זייער זעלבשטענדיגקייט. מרדכי נח האט געגלויבט ניט נאר אין די נביאות, אז אלץ, וואס אונזערע נביאים האבען אויף אונז נביאות געזאגט מוזען מקוים ווערען, ער האט אפילו געגלויבט, אז עס איז שוין געקומען די צייט, אויף וועלכע די נביאים האבען געמיינט... עס איז שוין גענוג צו זיין א נרדף... א נע ונד פון איין ארט אין צווייטען, פון איין לאנד אין דאס אנדערע... עס איז שוין געקומען די צייט פון קיבוץ גליות, אלע יודען זאלען צוזאמען קומען און אין איין קול פארלאנגען זייער רעכט... עס איז שוין געקומען די צייט, וואס דאס פאלק וואס האט געלעהרענט א גאנצע וועלט די אחדות און דעם געטליכען כח זאל שוין צוריקבעקומען איהר אייגען שטיקעלע לאנד, דאס פאלק, וואס האט זיך נעביך אויסגעמוטשעט אזוי פיעל הונדערטער יאהרען צוליב פרעמדע הבלים, צוליב פרעמדע חשך פינסטערדיגע פאנאטיזם זאל שוין האבען וואו דעם קאפ אן צו שפארען.

נאר ביי מרדכי נח איז דער פעריאד פון ריידען, טענה'ן און ערקלערען גיך אריבער געגאנגען — מען דארף שוין עפיס אנהויבען צו טון — האט ער געזאגט. און אין 1825 האט ער זיך גענומען צו דער ארבייט פון קבוץ גליות. ער האט געזאמעלט געלד און האט אבגעקויפט גראנד איסלאנד. איין אינזעל, וואס איז ניט ווייט פון ניו־יארק און קאנאדא. דער אינזעל איז דרייצעהן מייל לאנג און פינף מייל ברייט. לעת עתה — האט ער געזאגט — זאל דא זיין די ערי מקלט פאר אונזערע נע ונד'ניקעס און צוזאמען מיט די אינדיאנער, וועלכע זענען ניט ווייט פון דעם אינזעל, וועלען זיך די יודען דארט לערנען תכסיסי מלחמה — דאס וועט צונוץ קומען פאר'ן טערק. איבער די אינדיאנער האט מרדכי נח געשריבען א ווערק און האט דערוויזען, אז זיי שטאמען אב פון די עשרת השבטים. דענסטמאל האט ער ארויסגעשיקט א קול־קורא צו די יודען אין דער גאנצער וועלט, פון וועלכען איך גיב דא בקיצור איבער דעם אינהאלט:

„איך, מרדכי נח, בירגער פון די אמעריקער פאראייניגטע שטאטען, פריהער קאנזול אין טוניס, אבער־שעריף אין ניו־יארק, יוסטיץ־ראט און מיט גאטס חסד, פיהרער און ריכטער ביי יודען, בין מכריז ומודיע אלע יודען אין דער גאנצער וועלט, אז פון איצט אן האט זיך

פאר אייך געעפענט א לאנד, וואו איהר קענט לעבען בשלום, וואס די ענגהערציגקייט פון פריהעריגע יאהרהונדערטען האט אייך דער צו ניט לאזען. עס איז פאר אייך אפען א פריי לאנד, וואו איהר זליין, אייער געלד, אייער גלויבען און אלע אייערע מנהגים וועלען זיכער זיין, א לאנד פול מילך און האניג, איהר וועט דארט קענען זיצען בשלום ושלוה יעדער אונטער זיין ווינשטאק און פייגענבוים. דא וועט זיך אונזער פאלק לערנען ארבייטען די ערד, לערנען די רעגי-רונגסוויסענשאפט און די השכלה, דא וועט איהר זיך אויסבילדען צו זיין אזא פאלק ווי איהר זענט אמאל געוועזען, איהר וועט בעקומען די פעהיגקייט אריינצוטרעטען צוריק אין אייער אייגען לאנד, אין דאס לאנד, וואו אונזערע עלטערן האבען געלעבט, וועלכע גאט האט זיי צוגעזאגט. אז ער וועט געבען זייערע קינדער. זעהט יודען! די צייט איז געקומען, זי רופט אונז צו ארבייטען! אין נאמען פון גאט דעם אלמעכטיגען, וואס האט אונז ביז היינט אין לאנגען פינסטעריגען גלות ניט פערלאזען, ער האט אונז געפיהרט מיט זיין האנט פאר וואלקען זייל ביי טאג און א פייער זייל ביי נאכט, וויל איך צוריק אויפשטע-לען דאס יודישע פאלק אונטער דעם שוץ פון דער קאנסטיטוציאן אונטער דעם געזעץ פון די פאראייניגטע שטאטען אמעריקא׳ס. איך בעט דרום אלע רבנים, דינים, גבאים און אלע יודען, וואס זיי זענען זיך עוסק אין קהל׳שע זאכען, און אלע די, וואס האבען ליב זייער פאלק און זוכען זיין גליק, אז זיי זאלען מיין קול-קורא פערברייטען צווישען זייערע געמיינדען, שכנים און אזוי בעקאנטע יודען, צו רעדען זיי, זיי זאלען געהן אין דאס לאנד, וואס איך האב פאר זיי געקויפט. טאמער געפינען זיך צווישען אייך מענשען, וואס ווילען ניט געהן ווייל זיי זענען צו אלט, אדער זיי האבען זיך זעהר גוט אין די לענדער וואו זיי זענען, זיי זאלען זיצען אין זייער לאנד און בלייבען טריי דעם לאנד און דער רעגירונג, זיי זאלען אבער ווירקען אויף די איב-ריגע יודען, אז זיי זאלען געהן קיין גרויס איסלאנד. איך בעפעהל, אז אלע יודען זאלען בלייבען גלייכגילטיג צו דעם קריג, וואס עס פיהרט זיך צווישען טערקיי און די גריכען, כדי די געדריקטע יודען, וואס בלייבען אין די ביידע לענדער, זאלען דורך דעם ניט ליידען. יעדער רב אדער עוסק בצרכי-צבור איז מחויב צו זארגען, אז מען זאל גרינדען מעהר ישיבות פאר יודישע וויסענשאפט, און מעהר צדקה חברות, דען צדקה און חכמה דאס איז די קראפט פון א פאלק. די רבנים זאלען זארגען קיין חופה וקדושין ניט ערלויבען, ווען דער חתן און די כלה זענען נאך צו יונג און זיי מוזען קענען לעזען און שרייבען די לאנ-דעסשפראכע. מען זאל פיעל לערנען די העברייאישע שפראך, און די תפלות מוזען זיין לשון קדש. די דרשות קענען געהאלטען ווערען אין דער לאנדעסשפראכע, זיי מוזען אבער זיין אין יודישען זין. יעדער יוד מוז צאהלען יעדעס יאהר דריי שקל זילבער אדער א שפאנישען טאלער, דאס געלד וועט געהן פאר די ארגאניזאציע, צו שטיצען די עמיגראנטען, צו קויפען לאנדווירטשאפטליכע ווערקצייג. און אז יודען וועלען אליין צו לעגען זייער ווילען און קראפט בזכות זה יבוא גואל ובמהרה בימינו יושע יהודה וישראל ישכון לבטח."

און דער „קול קורא" איז ניט געוועזען אזוי ווי א שטימע אין דער מדבר, פון אלע פנות העולם האט מען זיך אנגעהאפט אן דער אידעע און די עמיגראציע האט זיך אנגעהויבען. די הויפט-אגענטען, וועלכע האבען אין דעם מיטגעארבייט זענען געוועזען: דער גראנד-ראבי-נער אין פאריז, ביידע אבער-ראבינער הערשעל און מעלדאלא אין לאנ-דאן, די פארשטעהער פון די יודישע געמיינדען אין בארדאקס, ליווארנא, גיבראלטאר אין דייטשלאנד האבען געשטיצט די אידעע דער בעריהמטער ד"ר לעאפאלד צונץ, פראפעסאר עדוארד גאנז. זיי האבען מרדכי נח׳ן געמאכט צום מיטגליד אין זייער קולטור-פאראיין.—

(ענדע קומט).

ד"ר יצחק וויערניקאווסקי.

די כוזרים.

(ענדע).

אז די יודען פון די ארומיגע מדינות האבען זיך דערפון דער-וואוסט, האבען זיי אנגעהויבען צו קומען אין דער נייער יודישער מלוכה וואו מען האט זיי צוגענומען פאר גוטע געסט. בכלל האבען זיך ביי די כוזרים אין לאנד געפינען אלע פארשידענע אמונות, א סך קריסטען און מחמדאנער, וואס האבען געלעבט גאנץ רוהיג, מען האט זיי קיין מאל נישט גערודפ׳ט. די יודען האבען געשטארקט דאס גלויבען ביי די כוזרים דער זוהן פון דעם ערשטען מלך בולאן, עובדיה, האט געבראכט פון בבל יודישע געלעהרנטע, וואס האבען פאר איהם געשריבען די תורה און אנדערע ספרים און האבען דאס פארברייט ביים פאלק. ער האט זעהר פיעל געטאן צו שטארקען און ריינינגען די אמונה, און אין זיין צייט איז ערשט דאס יודענטום געווארען איינגעפלאנצט אין לאנד. און וואס שטארקער עס איז געווארען ביי זיי דאס יודישקייט האבען זיי זיך אלץ מעהר אינטערע-סירט און האבען גענומען א חלק אין דעם לעבען פון דעם כלל ישראל. ווען מען האט אמאל דערצייהלט, אז אין איין ארט באבונגי האבען די מאחמדאנער צעשטערט א יודישע שוהל, האט דער חאגאן פאר כעס געהייסען אברייסען דעם דאך פון דער מאשעע (בית-תפלה) און די כומרים טייטען (921). ער וואלט אלע מאשעען אין דער גאנצער מדינה צעשטערט און חרוב געמאכט, ווען ער וואלט נישט מורא האבען, אז די מחמדאנער וועלען נעמען דערפאר נקמה פון די יודען, וואס וואהנען צווישען זיי און וועלען זיי שלעכטס טון. עס ווערד דערצייהלט, אז אין דעם ארט אסמיד, נישט ווייט פון דערבענט איז געוועזען א בעזונדערע קליינע מלוכה פון יודען, וואס איז געשטאנען אונטער דער הערשאפט פון די כוזרים.

דער עיקר ישוב פון די יודען איז דענסטמאל געוועזען אין מערב אייראפא, אין שפאניע. די יודען האבען גאר נישט געוואוסט פון דעם וואס איז געשעהן דארט ווייט אין מזרח נעבען דעם ים-הכספי. בכלל איז זיי געגאנגען זעהר גוט, זיי האבען געהאט אלע זכיות. די יודישע ליטעראטור און וויסענשאפט האט דענסטמאל געבליהט און האט ארויסגעגעבען די שענסטע פילאזאפישע און פאעטישע ווערקע. דענסטמאל איז געוועזען אין שפאניע א יודישער מיניסטער חסדאי-בן-יצחק אבן-שפרוט (910—915). חסדאי האט זיך דערוואוסט פון שליחים, וואס זענען געקומען צו זיין מלך פון דעם מלך פון קאנסטאנטינאפאל, אז נישט ווייט פון זיי געפינט זיך א יודישע מלוכה מיט א יודישען מלך. ער האט זיך דערמיט שטארק געפרייט און האט געשיקט א בריף דורך שליחים צו דעם מלך פון

קאנסטאנטינאפאל, ער זאל זעהן זיי דורכצולאזען צו די כוזרים, זיי העלפען, אז זיי זאלען דערגרייכען זייער ציעל. די שליחים זענען געבליבען אין קאנסטאנטינאפאל זעקס חדשים, דערנאך האט מען זיי צוריק געשיקט קיין שפאניע מיט דעם תירוץ, אז מען קאן זיי נישט אריבערפיהרען צו די כוזרים, ווייל דער ים איז אלץ זעהר שטירמיש, און אויף דער יבשה זענען שטענדיג מלחמות. חסדאי האט זיך שטארק מצער געווען און האט געוואלט פרובירען שיקען א בריף דורך ירושלים איבער קליין־אזיע און ארמעניע. ער האט שוין נישט געוואלט זיך פארלאזען אויף מלכים, נאר דורך יודען גופא צו דערגרייכען זיין פארלאנג. דערווייל זענען צום מלך פון שפאניע געקומען שליחים פון א ווייטע מדינה געצאלים (וואהרשיינליך קראאציען) צווישען זיי זענען געווען צוויי יודען שאול און יוסף. ווען זיי האבען זיך דערוואוסט פון זיין פארלאנג, האבען זיי איהם געטרייסט און האבען איהם צוגעזאגט זיין בריף צוצושטעלען אויפ'ן ארט אין דער האנט פון דעם מלך הכוזרים יוסף דעם עלפטען. דער בריף איז טאקי אנגעקומען צום מלך יוסף דורך א יודען יעקב ב"ר אליעזר פון דייטשלאנד. אין דעם בריף שרייבט חסדאי דער יודישער מיניסטער, וואס האט געמיינט, אז דאס זענען יודען, וואס קומען ארויס פון די עשרת השבטים: „אז איך וואלט געוואוסט געוויס, אז איהר האט נאך א יודישע מלוכה בין איך גרייט מיין כבוד מוחל צו זיין, מיין שטעלע אוועקצווארפען, מיין ווייב און קינדער צו פארלאזען און לויפען איבער בערג און טאלען, ימים און מדבריות, כדי צו קניען פאר דעם מלך, וואס קומט ארויס פון דעם יודישען שטאם, און מיט מיינע אויגען זעהן זיין גדולה, זיך פרייען מיט זיין גבורה און מאכט". ווייטער בעט ער איהם, ער זאל איהם מודיע זיין, ווי גרויס זייער לאנד איז, ווי הייסען זייערע שכנים, ווי זענען זייערע הנהגות און דער עיקר איז, ער זאל איהם שרייבען אפשר איז ביי זיי פאראנען ידיעות איבער דער גאולה, ווייל „די מאס פון די צרות איז שוין פול און די יודען מוזען אלע טאג הערען די ביטערע שטעכעדיגע ווערטער: דאס יעדעס פאלק האט זיין אייגען לאנד, נאר די יודען זענען שטענדיג פארוואגעלט, אומעטום פרעמדע איינגעבעטענע. די ידיעה פון דער כוזרישע מלוכה האט איהם דארום אזוי שטארק דערפרייט. עס איז א טרייסט און א ישועה צו זיין פארביטערט, פארוואונדעט הארץ, ווייל איצט וועט ישראל קענען אויפהויבען שטאלץ דעם קאפ און נישט זיין מעהר פארלאזט און פארשעמט אין דער וועלט... די תשובה וואס דער מלך יוסף בן אהרן האט געגעבען איז אויך געשריבען לשון־קודש, דאס בעווייזט, אז די כוזרים האבען פארשטאנען העברייאיש. אין דעם בריף דערצייהלט ער, אז זיי זענען גרים און קומען נישט ארויס פון די עשרת השבטים. דער ערשטער מלך האט געהייסען בולאן און נאך איהם זענען געווען צעהן יודישע מלכים: עובדיה, חנוכה, מנשה I, חזקיהו, יצחק, זבולון, מנשה II, נסי, מנחם, בנימין, אהרן, און ער יוסף איז דער עלפטער. די גרענצען פון זייער לאנד זענען, אין צפון זייט דער אוראל און דער דאן; אין דרום־זייט געהט עס איבער קווקז אין דער מזרח־זייט פון שווארצען ים און דעם דניעפער ביז קיעוו; אין מזרח־זייט איז איבער דעם כספישען ים און דער וואלגא ביז צו דער קאלניקישער סטעפ. „זיי וויסען — שרייבט ער — אז מיין הויפט־שטאדט איז ביים סוף ביי דער מינדונג פון דער וואלגא, און איך היט דעם איינגאנג אין דעם ים־הכספי, לאז נישט די רוסען, וואס קומען מיט שיפען אויף דער וואלגא אריין אין דעם ים, אויך די שונאים פון דער יבשה לאז איך נישט אדורך אין דערבענט צו די בני ישראל. ווען איך וואלט זיי אריינגעלאזען וואלטען זיי חרוב געמאכט אלע מדינות ביז בגדד, איך פיהר מיט זיי דארום שטענדיג מלחמה. און וואס דו פרעגסט פון דער גאולה, ווען זי וועט קומען, ווייסען מיר דאפון גאר נישט. אונזערע אויגען זענען שטענדיג געריכטעט אויף ירושלים און די ישיבות פון בבל ביז גאט וועט רחמנות האבען און וועט שיקען דעם גואל.

דאס איז דאס איינציגע מאל, וואס די אייראפייאישע יודען האבען זיך דערקענט מיט די כוזרים, און האבען זיך פאראינטערע־סירט מיט זייער לעבען. דיעזע בריף זענען געווען געשריבען בערך אין דעם יאהר 960. באלד אין א קורצע צייט ארום איז געקומען דער סוף פון דער כוזרישע מלוכה.

פון דער צייט, וואס די פאלאווצען האבען זיך פאראייניגט מיט די רוסען איז געווארען די מאכט פון די כוזרים געשוואכט. די רוסען האבען אויפגעהערט זיי צו צאהלען מס, און אין יאהר 965 האט דער פירשט סוויאטאס פון קיעוו איינגענומען די פעסטונג סארקעל אויף דעם דאן. שפעטער מיט פיער יאהר האט ער איינגענומען און צערויבט די שטעדט אסטראחאן און סעמענדער, דאמיט האט ער די כוזרישע מלוכה צעשטערט. נאר אויף דעם האלבאינזעל קרים איז נאך געבליבען א זעלבסטשטענדיגע קליינע מלוכה מיט דער הויפט־שטאדט קערטש. דארט האבען זיי נאך געהאט א אייגענעם פירשט דוד. אויך דארט האבען זיי נישט לאנג געהאט מנוחה. אין דעם יאהר 1016 האבען זיך פאראייניגט די רוסען מיט די גריכען אונטער דער פיהרונג פון דעם שר־צבא מסטיסלאוו טמוטינסקי, א זון פון דעם הייליגען וולאדימיר, און האבען צעשטערט דאס לעצטע ארט, דאס לעצטע ווינקעל, וואו די כוזרים האבען זיך פארבארגען. פון יענער צייט אן הערט מען זייער נאמען נישט מעהר, זיי זענען גאנץ אויסגעראט געווארען פון דער ערד. עס ווערד דערציילט, אז די קינדער פון די מלכים זענען געקומען קיין שפאניע און האבען גע־לערנט תורה אין דער שטאדט טאלעדא. אלטע שרייבערס זאגען, אז די אונגארן רעדען די כוזרישע שפראך און זיי וואקסען פון זיי. די אונגארן זענען אבער נישט קיין יודען...

אזא שרעקליכען סוף האט געהאט דאס פאלק, וואס האט זיך ערלויבט אנצונעמען די יודישע אמונה, האט זיך געוואלט פאר־איינינען, פארברודערען מיט די יודען.

וארשא, שבט תרס"ג. ש. י. סטופניצקי.

ליטעראטור און קונסט

— די חברה עזרה (הילפס־פעראיין) אין בערלין האט בעשלאסען צו גרינדען א לעהרער־סעמינאריום אין ירושלים.

— דעם היינטיגען נאיאבער ווערד 80 יאהר זייט עס האט אנ־געהויבען ארויסצוגעהן דאס ערשטע יודישע בלאט אין ווארשא אויף יודיש זשארגאן און מיט א פוילישע איבערזעצונג מיט דעם נאמען:

"דער בעאבאכטער אן דער ווייכסעל". דאס בלאט האט אנגעהויבען געהן אין נאיאבער 1823. דער רעדאקטאר פון דעם דאזיגען בלאט איז געוועזען ה' א. אייזענבוים, דער דירעקטאר פון דער ראבינער־שולע אין ווארשא. פון דעם דאזיגען בלאט זענען נאר ארוים 37 נומערען.

אין נומער 9 "פאלקס־צייטונג" פון הייאנטיגס יאהר האבען מיר וועגען דעם דאזיגען בלאט געדרוקט איין אויספיהרליכען ארטיקעל.

אין דער ביבליאטהעקע נעבען דער ווארשעווער סינאגאגע געפינט זיך איין איינציגער גאנצער עקזעמפליאר פון דער ערשטער יודישער צייטונג.

פראקטישע ידיעות.

צו דערקענען אייער אויב זיי זענען פריש.

עטליכע מיטלען האבען ווייבער צו דערקענען אייער אויב זיי זענען פריש. טייל שאקלען דאס איי אונ הערען זיך איין אויב דאס געלעכל קלאפט אקוראט צו דער שאל. ביי פרישע אייער איז דאס געלעכל פעסט אונ הארטליך, קלאפט עס זיך אן אין די שאל; אין אלטע אייער איז דאס געלעכל וויך אונ מען הערט עס ניט. אנדערע קעכינס שטעלען אויף דאס איי; אז דאס געלעכל פאלט אראב אונטען איז דאס איי נישט פריש. ווידער אנדערע האלטען דאס איי פאר א ליכט; ביי פרישע אייער שיינט דורך דאס ליכט אונ אלטע אייער זענען טריב. וואס פרישער דאס איי איז, איז עס אלץ קלארער פאר'ן ליכט. די זאקסישע געזעלשאפט פאר עופות־האדעווען האט געגעבען א פרעמיע פאר א נייע ענטדעקונג ביי פרובען אייער אויב זיי זענען פריש. די מעטאדע איז א וויסענשאפטליכע אונ איז אזוי אקוראט אויסגעפרובט אונ זיכער, אז מען קאן אפילו דערקענען ווי פיעל טאג יעדעס איי איז אלט. די מעטאדע איז פשוט: מען לעגט דאס איי אין א שיסעל וואסער. איז דאס איי גאנץ יונג, בלייבט עס ליגען, איז עס אלט שטעלט עס זיך אויף, אויף דעם בררייטערען שפיץ. אונ וואס יונגער איין איי איז שטעהט עס אלץ קרומער. איז דאס איי נאך נישט אלט קיין דריי טאג ליגט עס אין דער ברייט. איז עס אלט פון דריי ביז פינף טאג איז שוין די דיקע זייט אביסעלע טיעפער אינ'ם וואסער. איז עס אלט אכט טאג ליגט עס גאנץ קרום. איז עס אלט צוויי וואכען שטעהט שוין דאס איי מעהר ווי עס ליגט. נאך דריי וואכען שטעהט עס שוין כמעט אין גאנצען. איז עס שוין אלט א מאנאט בלייבט דאס איי שטעהן גראד ווי א ליכט. איז עס נאך עלטער שווימט עס ארום אהין אונ אהער אונ קאן נישט איינשטעהן אויף איין ארט. מען קאן זיך מאכען סימנים אין דער כלי, מען זאל דערקענען יעדעס איי וויפיעל טאג עס איז אלט. דער שכל דערפון איז אויך פשוט צו פארשטעהן: איין איי וואס יונגער עס איז איז עס אלץ פולער, עס האט אין זיך פול פייכטיגקייט. אונ וויל אויפ'ן וואסער קאן קיין שום זאך נישט בלייבען אויפגעשטעלט, דעריבער ליגט עס אין דער ברייט. יעדען טאג ווערד אבער דאס איי מעהר איינגעטרוקענט, דאס ווייסל מיט'ן געלעכל ווערען געדעכטער אונ דערפאר קלענער אונ אז מען שטעלט דאס איי אויף פאלט דאס געדעכטע ווייסל מיט'ן געלעכל אראב אונ אויבען בלייבט א לעדיג ארט, אונ וויל דער שפיץ איז לייכט, שווימט ער ארויף. ווערד עס נאך עלטער איז דאס לעדיגע ארט נאך גרעסער אונ עס שווימט נאך מעהר ארויף. ביז צום חודש ווערד דאס ליידיגע אזוי גרויס, אז עס איז אין גאנצען אויבען אונ דאס איי שטעהט אין וואסער אויפגעשטעלט גלייך. איז אבער דאס איי שוין האלב לעדיג, וועגט די לעדיגע שאל איבער אונ דאס איי שאקעלט זיך ווי א שיף אויפ'ן ווינט. ביי א הארט געקאכט איי, ווען מען שעלט עס אב, קאן מען דערקענען ביי די עלטערע אייער, אז דער שפיץ פונ'ם ווייסל פעהלט, וואס מעהר עס פעהלט, עלטער איז דאס איי אונ אלס אומגעזונטער אונ אהן טעם איז עס.

אלערליי.

— א בוך פאר 200,000 מארק. אויף דער וועלט־אויסשטעלונג, וואס וועט זיין אין יאהר 1904 אין סט־לואיז, וועט דער שטאט מיסורי אין אמעריקא, דרוקען א בוך. וואס וועט קאסטען 200,000 מארק. דאס בוך וועט געדרוקט ווערען אין 300,000 עקזעמפלארען אונ וועט צעט־ילט ווערען אומזיסט צווישען די געסט, וואס וועלען זיין אויף דער אויסשטעלונג. אין דעם דאזיגען בוך וועט בעשריבען ווערען די ווירטשאפטליכע לאגע פון דעם שטאט מיסורי אונ עס וועלען דארט אריינקומען פיעל אילוסטראציעס אונ בילדער.

— דער חוש השמועה ביי פיש. ביז איצט האט מען געמיינט, אז די פיש זענען אין גאנצען טויב, אונ' אז זייער געהער־ארגאן נעמט נישט אויף קיין שום קלאנג. נ'שט לאנג אבער האט א דייטשער פראפעסאר ג. ה. פארקער בעוויזען, אז דאס איז נישט ריכטיג, אז די פיש הערען אזוי גוט ווי אלע אנדערע בעלי חיים, ער האט צו דעם צוועק זיך געלאזט איינשאפען פארשידענע פיש אונ האט נישט ווייט פון "אקוואריום" אוועקגעשטעלט איינינע מוזיק־אינסטרומענטען אונ האט בעמערקט, אז יעדער קלאנג, וואס די אינסטרומענט.ן גיבען ארויס, ווירקט אויף די פיש. א פרוי דערציילט ווידער, אז זי האט איהרע פיש, וואס זי האט אין א באסיין געהאדעוועט, אויסגעלערנט, זיי זאלען זיך צוזאמענקומען אויף איהרע רער צום עסען אונ אז זיי האבען אפילו איהר קול דערקענט פון די אנדערע קולות, וואס זיי האבען געהערט.

— א רייזע אויף דעם אטלאנטישען אקעאן מיט א לופט־באלאן. דריי פראנצויזישע פראפעסארען ווילען מאכען א לופט־באלאן פון, 13,000 קוביקמעטער. דער באלאן וועט קענען ארויפנעמען 6 מענשען, א פאל־שירם אונ א רעטונג־שיפעל. צוויי פון די לופט־רייזענדער מוזען פארשטעהן גוט צו זעגלען. די בעסטע צייט צו דער רייזע איז בעשטימט דער חודש מאי אונ דאס בעסטע ארט, וואו צו רייזען דער אינזעל טענעריפא. די רייזע וועט דויערן 4—5 טעג.

יודישע פרויענוועלט

I. אלגעמיינע נייעס.

— די פארזאמלונג פון דער קאזאנער "זעמסטווא" האט בעשלאסען צו געבען די פרויען דאס רעכט צו זאגען זייער מיינונג גלייך מיט די מענער.

— אין אקטאבער עפענט זיך אין קיוב א שולע צו לעהרנען א־קושערינס פון ערשטען אונ צווייטען קלאס.

— אין דעצעמבער הײנטיגעס יאהר וועט אין פעטערסבורג זיין איין אספה פון דאקטוירים, אקושערען און פרויענארצטע. בײ דער אספה, אין וועלכע עס וועלען נעמען איין אנטייל אקושערען און דאקטוירים פון גאנץ רוסלאנד, וועט אויך זיין איין אויסשטעלונג.

— אין ווארשא האבען אנגעהויבען די לעצטע צייט פארפאלען ווערען קליינע קינדער געהענדיג אין און פון די שולען. מעהרערע שולען האבען דעריבער אויפגעהערט אנצונעמען קליינע קינדער צום לערנען, סיידען די עלטערן וועלען זיי ברענגען יעדען טאג צופיהרען און קומען זיי אבנעמען.

— כמעט דער גאנצער פיש־מארק אין פעטערסבורג שטעהט זייט א געוויסע צייט ביי פרויען אין די הענט, די פרויען זענען נישט נאר די פארקויפערינס פון די פיש, נאר זיי פאהרען אליין אכטונג געבען ביים פאנגען די פיש. א געוויסע פרוי ווארוווארא איז א קאפיטאן פון א שיף, וואס פיהרט פיש קיין פעטערסבורג און זי פיהרט דאס שיף נישט ערגער פאר איין אייראפייאישען קאפיטאן.

— דעם 28 סענטיאבר האט מען אין פעטערסבורג געפייערט דאס 25 יעהריגע יובילייאום זייט עס האט זיך געעפענט אין רוסלאנד די ערשטע העכערע פרויען שולע אין קורסען. רוסלאנד איז אין דער פרויען בילדונג אין די לעצטע 40 יאהר זעהר פיעל פאראויס געגאנגען און שטעהט אין דעם נישט פיעל ווייטער פון די אנדערע אייראפייאישע לענדער.

דאס ערשטע לאנד איז געוועזען אמעריקא, וואס האט זיך גענומען צו בילדען די פרויען און איינצוארדנען פאר זיי עקסטרא שולען, שוין אין יאהר 1842 האט מען דארטען ערלויבט פרויען אריינצוקומען אין אוניווערזיטעט גלייך מיט די מענער און אין די 60־נער יאהרען איז דארטען שוין געוועזען פרויען־אקאדעמיעס.

נאך אמעריקא איז ענגלאנד געוועזען די ערשטע אין אייראפא, וואס האט זיך פארנומען מיט דער פרויען־פראגע און אין יאהר 1876 זענען אין ענגלאנד שוין געוועזען 4 אוניווערזיטעטען פאר פרויען, 2 אין קעמברידזש און 2 אין אקספארד און אין יאהר 1892 האט דער פארלאמענט בעשטעטיגט, מען זאל דעם פרויען־אוניווערזיטעט געבען אלע רעכטען גלייך מיט אלע אנדערע אוניווערזיטעטען. אין פראנקרייך האט מען אין די 70־גער יאהרען אנגעהויבען צו צולאזען פרויען אין די אוניווערזיטעטען. אין יאהר 1875 האט מען אין דענעמארק די געלעהרנטע פרויען געגעבען די איינענע רעכטען, וואס די מענער האבען. אין דייטשלאנד האט זיך די בעוועגונג צו בילדען די פרויען אנגעהויבען אין די 60־נער און אין די 70־גער יאהרען האט מען זיי שוין צוגעלאזען אין די אוניווערזיטעטען. אין יאהר 1891 האט דער דייטשער קייזער ווילהעלם דער צווייטער, וואס האלט מיט די שיטה, אז פרויען דארפען נאר וויסען 4 ק. (דאס הייסט קירכע, קינדער, קליידער און קיך) פארמאכט די אוניווערזיטעטען פאר די פרויען.

אין עסטרייך האט מען ערשט אין יאהר 1878 אנגעהויבען פרויען צו צונעמען אין די אוניווערזיטעטען און אויך נאר, ווען די פרוי בעקומט דערויף איין עקסטרא ערלויבניש פון דער לעהר־קאמיסיאן. אין שווייץ האבען שוין אין יאהר 1867 פרויען בעקומען ערלויבניש צו לערנען אין דעם ציריכער אוניווערזיטעט. אין שפאניע, האלאנד, בעלגיע און רומעניע, איז די פרויען־בילדונג גלייך מיט די מענער בילדונג, און אין יאהר 1884 איז אין נארוועגען ארויסגעגעבען געווארען א געזעץ לויט וועלכע די פרויען וואס האבען געענדיגט א וואסערע עס איז וויסענשאפט האבען די אייגענע רעכטער ווי די מענער פון דער אייגענער וויסענשאפט. און אין שוועדען האט אין יאהר 1870 די רוסישע בעריהמטע פרוי סאפיא קאוואלסקי פארגעלייענט לעקציעס פון מאטעמאטיק אין שטאקהאלמער אוניווערזיטעט און אזוי ענטוויקעלט זיך די פרויען־בילדונג אין אלע אייראפייאישע לענדער אלץ מעהרער און מעהרער.

II. יודישע נייעס.

— א קעכין אין באקו רוסלאנד שרה לאפאטין, צוהערענדיג זיך דעם וכוח צווישען איהר בעל הבית מיט נאך איינעם וועגען ציוניזם האט מנדב געוועזען 100 רובל צום נאציאנאל־פאנד און האט דערביי געזאגט: דאס איז אפילו א גרויס טייל פון מיין פארמעגען, נאר איך פרייה מיך זעהר, אז איך קאן מיט מיין געלד העלפען עפּיס דעם כלל ישראל.

— דריי יודישע לעהרערינען אין אדעסא האבען בעקומען ערלויבניש צו האלטען וויסענשאפטליכע פארלעזונגען פאר יודישע יונגלעך און מיידלעך.

ווי זאל מען בעהאנדלען די דיענסטען?

(ענדע).

אונזערע בעל־הבית'טעס, וואס גיבען זייערע דיענסטען פראסטערע שפייזען ווי זיי עסען אליין, האבען א תירוץ, אז די דיענסטען זענען פון דערהיים אויס געוואהנט צו פראסטע עסענס. זיי פארגעסען אבער, אז אין דערהיים זעהען זיי קיין בעסערעס נישט און ווילען דריבער נישט. אבער ביי אייך, וואו די דיענסט קאכט, באקט און בראט די בעסטע געריכטער און זי בעקומט אפילו דערפון נישט צו פארזוכען, גלוסט זיך איהר זעהר. איהר בעקלאגט זיך שטענדיג, אז אייערע דיענסטען זענען נאשערקעס: ווער מאכט זיי דען פאר נאשערקעס אויב נישט איהר אליין? גיט זיי אויך צו געניסען פון אלע שפייזען און געריכטער וועט זי נישט נאשען.

די דיענסט דארף בעקומען די אייגענע שפייזען, וואס איהר אליין עסט, אדרבא איהר דארף מען נאך געבען קרעפטיגערע שפייזען, ווייל זי ארבייט שווער און פארליערט אסך כח, דארף מען איהר געבען בעסער צו עסען, זי זאל דאס פארלארענע כח ווידער בעקומען.

און ווי בעהאנדלען אונזערע בעל־הבית'טעס זייערע דיענסטען אין אלע אנדערע זאכען.

אט קומען די לאנגע ווינטער־אבענדען. איהר נעמט אייך דעם מאן מיט אייערע קינדערלעך און געהט ערגעץ אוועק פארברענגען, ווער אין טהעאטער, ווער אויף א באל אין די גרויסע שטעדט און אין די רייכערע הייזער. פון מיטעלען שטאנד געהט מען אין געסט, מען פארברענגט ביז שפעט אין דער נאכט מיט קארטען שפּיעלען, און די דיענסט, וואס האט זיך א גאנצע טאג אנגעהאריוועט, ווארפט זיך מיד ארויף אין די קליידער אויפ'ן בעטל און מוזווארטען ביז איהר בעלי הבתים וועט אהיים קומען. פון זיסטען שלאף רייסט מען איהר אויף, זי מוז מיט פארקלעבטע פארשלאפענע אויגען נאך מאכען דעם סאמאוואר פאר אייך.

ווער רעדט שוין, וואו מען קלויבט זיך צונויף ביין קארטען טיש און מען שפּיעלט ביז דריי דעם זייגער, דא מוז שוין די דיענסט שטעהן די גאנצע צייט גרייט, טאמער פארגליסט זיך איינעם פון די געסט עפּיס, מוז זי לויפען קלאפען נאך האלבער נאכט אין א געוועלב און ברענגען וואס זיי האט זיך פארגליסט, און קומט זי נישט אזוי געשווינד בעקומט זי נאך געזידעלט.

מען קאן נישט זאגען, עס געפינען זיך בשעת קארטען שפיעלען אזוינע בעלי רחמים, וואס נעמען אראב פון די געוואונענע געלד פאר דער דיענסט און עס טרעפט זיך א מאל, אז זי בעקומט אפשר א גאנצען רובל און נאך מעהר. נאר גלויבט מיר, אז זי וואלט אייך מוחל זיין פון גאנצען הארצען אט דעם דאזיגען רובל און איהר זאלט איהר ליבערסט לאזען זיך אויסרוהען פון איהרע שווערע ארבייט.

און צו וועמען לאזען אונזערע בעל-הבית'טעס אויס זייער הארץ אויב נישט צו דער דיענסט?

ווידער וויל איך אייך הייסען זיך לערנען פון די ענגלענדער און פראנצויזען אדער אפילו פון די אמעריקאנער. דארטען אז די דיענסט ווערד פארטיג מיט איהרע ארבייט, אונגעפעהר אכט דעם זייגער פון אבענד, האט אויף איהר די בעל-הבית'טע נישט וואס צו זאגען און זי געהט זיך וואו זי וויל. ביינאכט וועט איהר קיינער פון שלאף נישט רייסען, דארטען האט יעדער פון הויז א שליסעל, און ווער עס קומט שפעט פון גאס, עפענט שטיל די טהיר און געהט אויף די שפיץ פינגער אריין צו זיך אין צימער, כדי קיינעם נישט צו שטע-רען פון שלאף.

און ווי בעהאנדעלט איהר אייערע דיענסטען, אז זיי ווערען קראנק.

פון א לייכטע קראנקהייט ווי קאטאר, ווי קאפּוועהטאג, אדער אפילו אינפלוענציע מאכט איהר אייך גאר נישט וויסענדיג, און לאזט קראנקער-הייט טון די שווערסטע ארבייט. ווערען זיי אבער קראנק אויף א שווערע קראנקהייט שיקט איהר זי באלד אב אין שפיטאל און ווילט פון זיי מעהר נישט וויסען.

אט דאס איז דער תירוץ, פאר וואס די דיענסטען ווילען אזוי אפט בייטען זייערע שטעלען, ווייל זיי מיינען טאמער וועט די נייע בעל-הבית'טע בעסער בעהאנדלען, טאמער וועט מען איהר דארטען האלטען פאר א מענשען. אט דאס איז די סבה וואס די דיענסטען זענען אייך נישט טריי.

ווילט איהר אז דיענסטען זאלען אייך זיין טריי, מוזט איהר זיי אויך זיין טריי. בעטראכט זיי פאר מענשען, ניט פאר שקלאפען, וועט איהר זעהן, אז זיי וועלען אייך זיין איבערגעגעבען מיטען גאנצען הארצען און וועלען זיך שטענדיג בעמיהען אייך צופרידען צו שטעלען.

ל. ניימארק.

רעדאקטאר: מ. ספעקטאר

פערלאג „פאלקסבילדונג“.

ביי מיינעם נעפפען העררן יוסף ליעמאן אין בערלין איזט אם 18 ד. מ. געבארען װארדען איין זאהן געמל'עט. איך ווינשע איהם הערצליכען מזל טוב.

קראקא. שלמה פריעדמאן.

הוצאת „תושיה“.

גן הילדים

חספר הראשון אחרי האלף-בית, למקרא לילדים מבני שש עד בני שמונה שנים, עם תמונות וציורים.

מאת **שלמה ברמן.**

„גן-הילדים“ ערוך ומסדר לקורס של שנה אחת — לשנה הראשונה בבתי הספר, ונועד לילדים קטנים מבני שש עד בני שמונה שנים, אשר למדו רק קרוא וכתב על פי האלף-בית. הכריסטומתיה הזאת ערוכה על פי סדר טוב מן הקל אל הכבד. מטרתה להקל את למוד השפה העבריה לילדי ישראל ולחבב עליהם את הקריאה בשפה הזאת. התלמיד הקטן, אשר ילמד בספר הזה, לא ירגיש כל כבדות בלמודו, והספורים, השירים ויתר הפרקים אשר באו ב„גן-הילדים“, ינעמו עד מאד לילד, שיטה, בלי כל ספק, אזן לשמוע ולשנן את שעורו בחשק נמרץ, ולא יגהק ולא יפהק בעת עבודתו, כאשר יקרה לפעמים בקראו בספר, שהוא למעלה מבינתו ואשר איננו מעניננו.

ב„גן-הילדים“ ספר ראשון יש מאה וארבעים ואחד פרקים. לפני כל פרק יש מספר מעט של מלים (וואקא-בולען) לשנן. המלים מתרגמות בשתי שפות: רוסית ואשכנזית (באותיות עבריות). לכל פרק יש לא יותר מארבע עש"ה מלים לשנון. על פי רוב ישנן שלש עשרה, שתים עשרה, וגם פחות מזה מלים לכל פרק, המח' התאמץ למעט במספר המלים לשנון, כי כידוע, רבוי המלים לשנון הוא אבן נגף על דרך הלמוד.

הספורים שב„גן-הילדים“ רבם לקוחים מהספרות הפדגוגית האירופית. יש ביניהם ספורי האחים גרימם, ספורי הפדגוג הרוסי הנודע אושינסקי, ספורי כריסתוף שמידט ועוד, מלבד חידות יפות ובדיחות נעימות. כן ישנם בכריס-טומתיה הזאת שמונה עשר שירים לילדים קטנים, שלא באו כמוהם בכל כריסטומתיה עברית עד עתה; הרבה מהם עוד לא נדפסו אף פעם אחת, ונכתבו על פי בקשה המחבר לשם „גן-הילדים“.

גם תשעה פרקים מדברי ימי עמנו באים במחלקה הרביעית של „גן-הילדים“, המכילים דברי הימים מבריאת העולם עד מלחמת החשמונאים. השירים, הספורים ופרקי דברי הימים ערוכים בסגנון יפה ונחמד ובשפה קלה ומובנת לילדים קטנים בלי כל מליצות, שאי אפשר לתרגמן מלה במלה בשפה אירופית. — מלבד כל אלה באו עוד שלשה עשר פרקים, שבהם יתחלקו שמות העצם על פי סוגיהם (классификація предметовъ, קלאססיפיקאציאן דער געגענשטענדע). הפרקים האלה טובים לתרגילים בכתב ובדבור.

ב„גן-הילדים“ באו גם ציורים רבים, יפים ומלבבים, לבאר לילדים הקטנים את הכן הפרקים גם למראה עיניהם.

הספר מנוקד כלו מראשו ועד סופו.

מחיר הספר 85 ק', מכ' בניר 95 ק', בבד 1 רובל. פארטא 14 ק'.

Книгоиздательство „Тушія“ Варшава. — Verlag „Tuschijah“ Warschau.

בע"פ: נובוליפקי 7 מעון 9.

פרקי תלמוד

כריסטומתיה תלמודית למתחילים (כלה מנקדה), עם תרגום המלות התלמודיות ברוסית ואשכנזית (באותיות עבריות), ועם הערות מבארות את המקומות הקשים

מאת **א. ל. ביסקא.**

הספר הזה מכיל לקוטים שונים מן התלמוד: פתגמים, משלים, אגדות, ספורים, דברי מוסר וגם עניני הלכה, מסודרים בהדרגה נכונה מן הקל אל הכבד, ומחולקים לפרקים ושעורים; ולפני כל שעור מתורגמות המלים התלמודיות שתבאנה בו ברוסית ואשכנזית.

הספר הזה ימלא באמת חסרון המורגש מאד בספרות הפדגוגית, כי מלבד אשר יהיה בכלל כעין פרוזדור של הספרות התלמודית לאלה הרוצים להתעסק בלמוד התלמוד, נועד גם בעד הרוב הגדול של התלמידים העברים, שאינם יכולים להקדיש את זמנם ללמוד התלמוד עצמו וחפצים לרכוש להם, מלבד ידיעתם בכתבי הקדש ושפת עבר בכלל, גם מושג נכון ע"ד הספרות התלמודית, רוחה, סגנונה ושפתה. גם יהיה לעזר לכל הרוצים להשתלם בידיעת שפתנו בתקופות התפתחותה אחרי כתבי הקדש.

מחירו 40 ק', מכורך 50 ק', בבד 55 ק'. פארטא 6 ק'.

Книгоизд. „Тушія“ Варшава

Verlag »Tuschijah« Warschau.

Herausgeber Verlag Volksbildung Verantwortlicher Redacteur Moses Deutscher Krakau Druck v. S. L. Deutchrer' Podgorze b 'Krakau

ההתימה לשנת תרס"ד

על העתון השבועי המצויר לבני הנעורים

שנה שלישית **עולם קטן** שנה שלישית

דמו"ל: הוצאת „תושיה" בורשה.

העורכים: א. ל. בן-אביגדור וש. ל. גרדון.

העתון המצויר האחד בספרותנו בכלל והיחיד והמיוחד לבני הנעורים שלנו בפרט.

שפת ה„עולם קטן" ברה וצחה [illegible]

ה„עולם קטן" [illegible]

[illegible]

[illegible] 4 רובל לשנה

[illegible]

בתור הוספה מיוחדת ל„עולם קטן" ירחון [illegible] בשם:

„הפדגוג"

בו יבואו מאמרים [illegible] ... ועוד.

מחיר [illegible] רובל לחצי שנה [illegible] לרבע שנה. להחותמי ה„עולם קטן" 2 רובל לשנה 1 רובל לחצי שנה 50 קאפ' לרבע שנה.

חדשה לקוראנו!

עוד לפני שלש שנים, בראשית גשתנו להוצאת ה„עולם קטן", הבטחנו להוציא שני עתונים לבני הנעורים: אחד לילדים ואחד לנערים. אבל אח"כ נוכחנו, כי כל עוד לא בראנו לנו קהל קוראים צעירים הגון — קשה יהיה להוציא את שני העתונים הנזכרים בבת אחת, ונהיה אנוסים להסתפק בעתון אחד, שהיה בעקרו לילדים ושאח"כ השתכלל ויהי לעתון מיוחד לילדים ועתה הננו שמחים להודיע, כי אחרי שנתחבב ה„עולם קטן" על קוראנו ומצבו התבסס יותר — הגיעה השעה, שנוכל להגשים את רעיוננו מכבר ולמלא את אשר הבטחנו בשלמות.

והננו נגשים עתה להוציא בתור הוספה שניה ל„עולם קטן" ירחון מצויר לבני הנעורים, בשם:

„הנעורים"

בו יבואו: שירים, ספורים, ספרי-מסע, תולדות אנשי שם, מאמרי מדע פופולריים, ידיעות ומקרי הימים, עם תמונות וציורים שונים. השפה תהיה נוחה והמלים הקשות תהיינה מנקדות, ובמקום הצרך גם מבארות.

החוברת הראשונה כבר יצאה מתחת מכבש הדפוס.

מחירו: לשנה 3 ר', לחצי שנה 1,50 ר', לרבע שנה 75 ק'. לחותמי ה„עולם קטן": לשנה 2 רובל, לחצי שנה 1 רובל, לרבע שנה 50 קאפ'.

האדריסה

ברוסיה: Издательство „ТУШIЯ" Варшава.

בשאר ארצות:

Administration „Olam Katan", Krakau, Sebastyang. 32.

הוספה חדשה ל„עולם קטן": ירחון לבני הנעורים בשם „הנעורים".

הוספה חדשה ל„עולם קטן": ירחון לבני הנעורים בשם „הנעורים".

פערלאג „פאלקסבילדונג".

ציוניסטישע ביבליאטהעק.

ב.

די מינסקער ציוניסטישע אסיפה.

פרייז 10 קאפ. מיט פארטא 12 קאפ.

ג.

דער זעקסטער ציוניסטישער קאנגרעס

פרייז 8 קאפ. מיט פארטא 10 ק.

[illegible]

Издат. „Тушія", Варшава. — Verlag „Tuschijah", Warschau.

[illegible]

[illegible] „הילף"

[illegible]

פרייז 1 רובל מיט פארטא.

[illegible] יודישע פאלקסצייטונג.

הוצאת „תושיה":

דקדוק לשון עברית

(אתימולוגיה).

מאת: **שמואל דוד לוצאטו** (שד"ל).

מעובד ע"י אברהם כהנא.

הספר הזה הוא הדקדוק הראשון אשר הצדקה לו להקרא בשם **דקדוק לשון עברית השלם**. הוא שונה מכל ספרי הדקדוק שקדמו לו עפ"י תוכנו, בהיותו לא רק דקדוק **שפת כתבי הקדש בלבד**, כי אם דקדוק השפה העברית **בשלמותה**, כי הוא כולל בקרבו את **כל חקי הלשון העברית העתיקה והחדשה**, עם כל השנוים והתוספות, שנעשו בה בכל תקופות התפתחותה עד ימינו. מלבד דקדוקו של שד"ל, אשר חכמי הלשון מעמידים אותו בראש כל ספרי הדקדוק שיצאו מידי גדולי המדקדקים, היו לנגד עיני המעבד מבחרי הספרים שנתחברו במקצוע זה בלשונות אירופה, כמו ספרי החכמים: גיזיניוס, פרופ' שטראק, פרופ' זינפריד, אייבלד, ויינקופ, פרופ לולי, פרופ' שטדה, פרופ' קייניג, ד"ר שולטצה ואחרים, וככה סכם המחבר בספר זה את כל מראות הדקדוק של הלשון העברית מוארים ומבוארים בדרך קצר וקל.

גם שונה הוא הספר הזה **עפ"י צורתו** מכל ספרי הדקדוק האחרים, בהיותו ערוך ומסודר בתכנית ספרי-הדקדוק היותר חדשים **בלשונות החיות**; וע"כ יהיה לתועלת רבה לתלמידים בהקילו להם הרבה את למוד דקדוק שפתנו. ולצורך המורים והתלמידים המכינים נתנים באורים והערות נכוחים, שנדפסו באותיות אחרות משל הפנים, כדי להבדילם ממנו.

מחירו 50 קאפ', מכורך 60 קאפ', בכבד 65 קאפ', פארטא 8 קאפ'.

פרנסה בכבוד.

מען זוכט אגענטען אין רוסלאנד און פוילין געגען גוטע בעדינגונגען צום פערקויף פון די אמת'ע בעסטע פאנאגראפען, וועלכע רעדען, שפיעלען, זינגען לאכען אין אלע שפראכען גאנץ נאטור-טריי. צו ווענדען זיך מיט א רעטור-קארטע פאר 8 קאפ' אן די אדרעסע. (3—3)

Internationales Exporthaus
Krakau (Oesterreich) Postfach 77

!!נאך ניכט דאגעוועגען!!

פעדערהאלטער מיט קאלענדאר

זעהר נוטצבאר פיר יעדען וואס האלט נור א פעדער אין האנט, צו זעהען גענוי אין איין מאמענט, יעדען דאטום פון 1902 ביז 1907 יאהר.

פעדערהאלטער, מיט א יודישען לוח צום יאהר תרס"ד.

די פעדערהאלטער זענען זעהר שען אויסגעפיהרט.

עס ווירד ארויס געשיקט אויך פער נאכנאהמע 6 שטיק פיר 1 רובל פראנקא איבעראל. (261) 5—2

וויעדערפערקייפער בעקומען ראבאט.

В, ТЕНЕНБАУМЪ
Варшава, Гусья 27/40.

בית־מסחר ספרים
ב. צ. שיינפינקעל
ווארשא זלאטע 63

מוכר, קונה ומחליף כל מיני ספרים 50 23 בתנאים נאותים למאד. (210

עֶלֶעקְטְרִישֶׁע

נייהייטען מאגאזין פאן
Б-тья Канхусъ Варшава.
איז איבערטראגען אויף
(259) С-го Георгія 22. 2—3

י. שעקמאן, ווארשא
פאבריק פון זילבער 84 פראבע
(125) עט פלאטעע־וואארען. 50 39

אהוב את המלאכה!

אללע סארטען שפיגעל מאכען לערנט אוים גרינטליך, אויך דורך בריעפע

דער 25-יעהריגער פראקטיקאנט אין דיא שפיגעלפאבריקאציאן

Адресъ: Юдку Вейнбляту
Варш ава, Слизкая 22.
(105) 25—24

פאריזער נייעסטע מאדעלע

עמפפעהלט דער בעקאנטע מאגאזין פאן

דאמען-מענטעל, וויערכזען צו פוטער און קאסטיומען

ד. בארדאווסקי ווארשא, לעשנא № 9 וואהנ. 4

אויפס פערלאנג פערפערטיגע אללער ארט בעשטעלונגען

147 אין 24 שטונדען. 25—20

די אלעמען בעוואוסטע אלער בעסטע:

I **מאשינען** צום פערפערטיגען אלערליי פרוכטען, יאגדעס, סעלעטרס, סאדע וואסער און אנדערע מינעראל-וואסער, לימאנאד, פערשיעדענע קוואסען, פראנצויזישע זידענדע געטרענקע און וויין: סידר, שאמפאניער, חערעס, שערי און אנדערע, צוגלייך אויך די בעשרייבונג און כלים דערצו, מיט וועלכע עס צו פערפערטיגען.

II **סיפאנען** שען און שטארק לויט די פראנצויזישע סיסטעמע

III **דאמפף אפאראטען** צום **דעסטעלירען** און **איבערטרייבען.**

VI **פאלשטענדיגע איינארדענונג צו אנשטאלטען** אויף מאכען אלערליי סארטען וואסערן **שטעלט צו** די פאבריק פון מאשינען און דער פאבריטשנע סקלאד פון קארקעס די בעסטע עסענציען עפירען און סאקעע א. ד. ג. און אויך אלע אנדערע זאכען, וואס עס געהערן און זענען נייטיג צו אלע פער-פערטיגונג פון מינעראל-וואסער און לימאנאד.

2.. 5—5

ИППО и Ко. въ Варшавѣ, Грибная ул. собств. домъ № 15н.

הערען און דאמען בעמערקט אייך
דאס געזעלשאפט

„ВОЛГА“
אין ווארשא

פיר 6 רובל מיט 50 קאפ' פראנק און אהן האנדגעלד אויף א נאכנאהמע שיקען מיר ארויס 8 נייטיגע זאכען פאר יעדען מענש:

1) א מענער-זייגער פון ריינעם אמעריקאנישען שטאל, אהן א שליסעל, אפענע, מיט א פעסטען מעכאניזם און א גוטען גאנג, אבגעצויגענע אויף א מינוט מיט א גאראנטיע אויף 6 יאהר; 2) א עלעגאנטע קייט צו דעם פון מעטאל אדער אמעריקאנער טאלמע גאלד; 3) א ברעלאק אדער א מגן-דוד; 4) א גאלדענעם פינגערל 56-ער פראבע פאר דאמען אדער הערען מיט א שטיין; 5) א לעדערנעם פארטמאנע פון איין שטיק מיט 6 אבטהיילונגען מיט א מעכאנישען שלאס, וועלכער ענטהאלט א קויטשוק-שטעמפעל מיט דעם נאמען און פאמילע פון דעם בעשטעלער; 6) א עלעגאנטען מעטאלענעם פארט-פאפיראס — אויטאמאט מיט א סעקרעט, אויף פערלאנג קאן ער אויסגעביטען ווערען אויף א לעדערנעם אדער א דאמען-טיסטער פון דראט; 7) א עלעגאנטען אויסלענדישען מעסערל „זאלינגען“ אדער א ראזיר-מעסער; 8) א בערשטל מיט א שפיגעלע. דאמען-אוהר מיט א רובל טייערער, צוגעמאכטע מענער-אדער דאמען-אוהרען אויך אויף איין רובל טייערער.

פערשיעדענע קופאנען פון פירמען ווערען אנגענומען צו 50 קאפ' פון יעדער בעשטעלונג. עס ווערען אויך אנגענומען אלער האנד בעשטעלונגען אויף גאלד, זילבער און גאלאנטעריע-וואארען הויפטזעכליך בעמיהט זיך דאס געזעלשאפט פינקטליך שנעל און רעיעל צו בעהאנדלען. (4—1) 263

אדרעסירען: Товарищество „ВОЛГА“, Варшава.

דיא ערשטע און איינציגע

מעכאנישע פאבריק צו רעפארירען שוהוועדק.

А. Гринштейнъ, Варшава, Новолипки № 58.

נעמט אן צו רעפארירען אלערליי שוה-ווערק, עס מאכט קיין אונטערשיעד נישט פון וואס פאר א גאטונג לעדער עס איז. דיא לאטעס ווערדען **געקלעפט מעכאניש**, גאר אהן נעהטע און די **רעפארירטע שוהע קומען ארויס ווי פון דער ניי**, נישט צו דערקענען אויף זיי דעם מינדעסטען צייכען פון רעפארירען.

פראווינציער, וואס ווילען זיך עפענען אזא פאבריקעל, קען איך מיט זיי איינגעהן לויט בעשטימטע בעדינגונגען, ווי איך וועל ענטפערן יעדען, וואס וועט ארייננשיקען א פאסט-מארקע פאר 7 קאפ.

דיא פאבריק איז יעצט איבערגעגאנגען אין מיין אייגענטהום און ווער עס וויל דארף זיך ווענדען נאר צו מיר

А. Гринштейну, Варшава, Новолипки № 58.

פיליאלען: I פראנציסקאנסקא 35 אין טויער. II טווארדא 22 וואהנונג 42 אין צווייטען הויף. 229 25—18

רעפעראציאן ווערד פערפערטיגט ווארטענדיג.

צום געלד זאמלען



איז זעהר פראקטיש די 10 קאפעקענע **שפארזאם קאסעלעך.**

יועהרענד דורך אבשפארען 10 קאפ. טעגליך און אריין ווארפען אין קאסעלע, פון וועלכען מען קאן נישט ארויס נעהמען ביז עס קלויבט זיך אן 5 רובל, קאן מען זיך אנזאמלען א קליין קאפיטאל.

זעהר נייטיג פאר אגענטען, אינקאסענטען, איבערהויפט פאר פרויען און קינדער. 6—2 (262).

פרייז 2 שטיק נאר 1.05 רובל מיט פארטא.

В. ТЕНЕНБАУМЪ
Варшава, Гусья 27/40.

Оптическо-Хирурги-
ческой складъ
И. ПИКЪ
Налевки 35 Варшава

ברוכבענדער עלעקטרא-גאלוואנישע מיט גומי פעלאטין, וועלכע האלטען גענצליך איין דעם ברוך און דריקען נישט דעם קערפער. ברוך- און בויכבענדער פיר פרויען, עלאסטישע גומי-שטרימפפע פיר געשוואלענע פיס, גארסעטען פיר גארבאטע, קינסטליכע פיס און הענד, שטוצנע אויגען, ברילען מיט בעלגישע גלעזער פיר קורצע און שוואכע ראיה, ווי אויך אללע אפטישע און חירורגישע ארטיקעל אין גרויסען אויסוואהל צו זעהר ביליגע פרייזען עמפפעהלט אפטיק

י. פיק, נאלעווקי 35 ווארשא.

אלץ ווערד צוגעפאסט דורך ספעציאליסטען

234 25 15

בבית־מסחר־ספרים של

ז. ש. שרעבערק, ווילנא, סטעפענג.

נמכרים כל מיני ספרים בתנאים נאותים.

Книжн. магаз. З. Ш. Среберка,
225 Вильна. 50—17

אומזוסט אהן געלד!!

שיקט מען יעדען א ביכעל וועגען שניידען און נייהען אלערליי מלבושים. אדרעסע:

Г-жѣ Бертѣ Найдичъ, Варщава.

נור מיט עטליכע רובל

קאן יעדער מענש ביי זיך אויפ'ן ארט אגוטע פרנסה איינפיהרען. אבריפֿליכע ערקלערונג **חנם לכל דורש.**

Я Найдичъ, Варшава.

פריוואט-אנשטאלט פון קינדבעטורין פון ד"ר וואוועלבערג, לעשנא 79, ווארשא נעהמט אן ארעמע קינדבעטורינס אומזאנסט. פיר פערמעגליכע בעזונדערע צימער פאר צאהלונג אומזאנסטער אמבולאטאריום פיר פרויען-קראנקהייטען פון 10 ביז 12 231 פריה. (20—13)

בבית מסחר הספרים

י. ראזומאווסקי בבערדיטשוב

ובהמחלקה שלו בווארשא, נאלעווקי 34 אצל א. ציילענגאלד נמכרים כל מיני (217) ספרים במקחים נמוכים. 50 21

!!!חדשה חשובה!!!
ידות־העט עם לוח־השנה.

ששׁ בקופסא אחת במחיר 1 רובל
וששׁ עשרה בקופסא „ 2 „

יש להשיג אצל הממציא עפ"י הכתבת:

Г. ЮФФЕ, Варшава, Павья 12.